STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04734

NESHOME-TREREN

Yitshak Padaraski

Permanent preservation of this book was made possible
by Barry & Evelyn Levitt
in memory of
Morris & Esther Levitt and Hyman & Rose Shulman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE PUBLIQUE JUIVE
MONTRÉAL
יידישע פאלקס ביבליאטעק
הספריה היהודית העממית

יצחק פאדאראסקי:

נשמה־טרעגן

(בריף)

סאניע

א פאר קאפיטלען פון א גרויסען ראמאן

בעארבייט פון
שלמה עדעלהייט

פרייז 30 סענט.

ארויסגעגעבען פון
פארלאג „עפאכע“, 241 איסט בראדוויי.
ניו יארק, נ. י.

ערשטער בריעף

טייערע...

איך פאנג איצט אָן צו דערקענען, ווי ווייט דיין פאנטאזיע האָט מיטגעבראכט, אז דיינע געפיהלען זיינען ערגיץ פערשוואומען אין א וועלט פון דמיונות, אין א וועלט, וואָס וויסענשאפטס מענער רופען : „האפּאָכאנדריע“.

ווייל איך קען דיך ניט פערשטעהן.

פערשטהן א מענשען מוז מען בענוצען די קאלטע לאָגיק, אָבער לאָגיש צו זיין מוז דער אנדערער נאָרמאל דענקען... איז עס דען אזוי ביי דיר ?

דו פרשטעהסט ניט מיינע בריעף ?

איך וויים פאר וואָס.

דיר איז אבשטויסענד פון מיין קאלטען דענקען ?

פערשטעה איך אז לויט דיין איצטיגען דענקען און צושטאנד, מוזטו אזוי פיהלען... ווען א מענש ווי דו, וואָס איז נאָך אלץ ניט אוועק פון׳ם ווייבליכען ווייבקייט און האָט נאָך אלץ פון זיך ניט אראָבגעוואָרפען דעם פלאָנטער פון פאָראורטיילען מוז ענדליך קו־מען צו ענטגעגענגעזעצטער טראגיק.

אז דו ווילסט פרברענען מיינע בריעף ?

וויים איך אויך פארוואָס.

אָבער פאר וואָס גיסט דו אוים דעם גאנצען צאָרען אויף מיר ? ווען דיין אונוויסענהייט און נארישער עגאָאיזם האָט

יצחק פאראסקי

אוים דיר געמאכט אנדערש ווי דו האסט דיר פערנומען צו זיין.

ווען די שעהנע צוקונפט ווי דו האסט דיר אין דיין יוגענד פארגעשטעלט האט דיך אזוי ביטערליך אבגענארט.

וואס זשע, בין איך אין דעם שולדיג?

איך האב אבער צו דיר גאר ניט ווייל איצט ווילסטו ניט און קענסט מיך ניט פערשטעהן... אבער אביסעל ערענסט קענסטו דאך זיין... איך מיין אין באצוג די שולד צוווארפען אויף מיר, דו מוזט דאך אביסעל בעדענקען, אז דו האסט א גאנץ גרויסען טעות אין מיר.

ד קלאגסט און וויינסט, ווייל דו ווילסט מיינען אז דו אינטער־רעסירט מיך מעהר ניט, פון דעם זעהסטו טייערע, לייד איך פיעל... און אפטמאל מוז איך לאכען דאפון.

ווי דו דענקסט אבסטראקט... דאס קומט פון דער דמיון וועלט וואו דיין נשמה שוועבט איצט.

ווען דו זאלסט מיך מעהר ניט פעראינטערעסירען, ווייסטו גאנץ גוט וואס איך וואלט מיט דיר געטאן... אט דאסזעלבע וואס איך טו מיט אלע די וואס פערשטעהן מיר ניט...

טייערע...

האסט דורך סאניע׳ן צו מיר א פאר ביטערע ווערטער גע־שיקט... עפים אזוי געהיימניספאל, בעהאלטען ווי נאר א פריש פערליעבטע שיקט צו איהר ברוגז געווארענעם געליעבטען.

ביי מיר האט עס פונקט פערקעהרט געווירקט. עס האט א פערלאנג ארויסגערופען אין גאנצען איבעררייסען דעם געהיימען בריעף־וועקסעל...

האב איך אבער פערשטאנען אז דאס וועט נאך מעהר דיין אייפערזוכט און אינטריגעס פערשארפען...

איך האב דיין בריעף איין קעשענע בעהאלטען און דיר ניט געענטפערט; איך האב געווארט אפשר וועט דיין צארן־פאנטאזיע אויפהערען און דו וועסט פערשטעהן ווי אונזיניג גראב דו האסט מיך אין דיין בריוועלע בעליידיגט...

איך האב ניט געוואלט, אז ס׳זאל אזוי זיין. איך האב מיט מיין גאנצער נשמה געוואונשען, אז דו זאלסט אנדערש ווערען, אז דו זאלסט דערקענען; אז ניט אזוי האסטו געדארפט מיר שרייבען.

איז אבער ניט אזוי געשעהן...

פערקעהרט, דו האסט געשריבען, עפעס אזוי ווי א באפעהל אז איך זאל דיר שיקען מיט סאניען דעם בריעף וועלכען איך האב שוין לאנג פאר דיר אנגעשריבען...

דאס זעהסטו, איז שוין כיטרע און פאלש פון דיין זייט...

מיין בריעף וועסטו ניט בעקומען אזוי לאנג ווי דו וועסט ניט נארמאלער דענקען און וועלען פערשטעהן, ווי שלעכט דו האסט געגען מיר געהאנדעלט...

דו האסט קיינע פון מיינע בירעף ניט פערשטאנען... ביזטו אייפערזיכטיג געווען...

דו האסט געוואלט מיך אויף א פאלשען וועג פיהרען!...

איז אבער דיין נשמה צו שוואך, און זי קען קיין שום איינ־פלוס אויף מיר ניט האבען, אז איך זאל ווערען היפנאטיזירט און נאכגעהן דיין פערשטעהן...

כא־כא־כא! האסט דעם בריעף פון מיר געוואלט בעקומען. שרייבסטו; איך זאל דיר ענטפערען אויף די פראגען, וואס דו פרעגסט...

איך האב פערשטאנען דיין כיטרישקייט...

קענסט מיר גלויבען, איך האב דעם זעלבען טאג געשריבען

ענטפער אויף אַלע דיינע פאַרצווייפעלטע פראַגן...

אָבער דענקענדיג, אַז ניט פערשטעהענדיג מיינע פריהעריגע בריעף האָסטו פערגאָסען טרעהרען, וועט דאָך דער בריעף זיכער דיר אונפערשטענדליך זיין און דו וועסט גאָר א סך וויינען.

א קראַנקע נשמה פערשטעהט אַלץ פערקעהרט... פאַר וואָס־זשע זאָל איך אומזיסט דיך צום וויינען ברענגען?...

א פאָר טעג שפּעטער האָב איך ווידער דערהאַלטען א געהיים בריוועלע פון דיר:

איך זאָל ניט לאַכען פון דיר, בעטסט דו מיך, און איך זאָל דיר אויף דיינע פראַגען ענטפערען...

ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס איז...

ווען דו פערשטעסט אַזוי, אַז איך לאַך פון דיר, וועסטו דאָך מיינע ענטפערס אויך ניט פערשטעהן, וועט דאָך ביי דיר אויסקומען אַז איך לאַך ווידער...

איך האָב זיך אָבער בעדענקט, אַז איך זאָל דיר יאָ שיקען מיין בריעף, אפשר וועלען זיך דיינע נערוועזע בערוהיגען, און דו וועסט מעהר קיין שלאַפלאָזע נעכט ניט פערברענגען און וועסט אויפהער־רען וויינען...

די ראָל פון דער „קאַמיליען דאַמע" וויל איך דיך ניט לאָזען שפּיעלען... ווייל איך בין ניט דיין אַלטער געליעבטער...

דו ביזט צו שוואַך אַזאַ ראָלע אויף דער לעבענס ביהנע צו שפּיעלען, איך פיהל זיך אפשר אַמאָל שטאַרק גענוג אַז „ארמונט" צו זיין, אָבער מיט דיר צוזאַמען שפּיעלען... קען איך ניט...

איך וועל דיר ניט געבען דאָס וואָס דו פערלאַנגסט פון מיר...

ווען מיר האָבען זיך פאַריגע וואָך געטראָפען, האָסטו מיר גע־זאָגט, אַז דו האָסט צו דיין מאַן גאָר ניט... איך האָב ביי דיר ניט

געפרעגט און דאך האסטו עס געזאגט. נו, איז דאס ניט א בעוויז, אז איך האב מיך גאר ניט טועה געווען אין דיר?

דו ווילסט שפּילען טעאטער אויף דער ביהנע פון לעבען.. איך שטער דיר ניט, זיי א קינסטלעריז, שפּיעל ווען דו קענסט! איך וועל דיך ניט לאזען געהן אויף א פרעכען וועג... דערנאך זאל איך דיך דארפען אין גאנצען פערהאסען...

טייערע!

דו ווייסט ווייל דו דענקסט, אז איך לאך פון דיין נשמה! פערשטעהסטו דען וואס הייסט נשמה?

ווען דו זאלסט פערשטעהן, וואלסטו א טראכט געטון ווער פון וועמענס נשמה עס לאכט...

א וועלט מיט פילאזאפיע איז אנגעשריבען געווארען וועגען אט דעם ווארט נשמה, און ביי דיר איז דאס אזוי לייכט ארויסצוזאגען: „איך לאך פון דיין נשמה".

האט דען דער מענשליכער פערנונפט שוין אזוי ווייט דערגרייכט, אז ער זאל וויסען וואס אזוינסט נשמה איז?

ווען דו זאלסט עס וויסען, וואלסטו א גאט געווען און איך וואלט פאר דיר אויף די קניהען געשטאנען...

לאכסטו ניט פון מיין נשמה? איך אבער מאך זיך ניט הערענדיג, איך טראכט אלץ: אפשר ועסטו געזונט ווערען...

דו ווילסט נקמה נעהמען פון מיר, דו ווילסט מיינע בריעף פערברענען...

כאטשע איך וויים זיכער, אז דו האסט זיי ניט פערשטאנען... איז דאס ניט געלאכט פון מיין נשמה?

איך בין גראב, איך בין נידעריג, איך וויל ניט וויסען פון דיי-

נע שלאפלאזע נעכט, פון דיינע טרעהרען... איך האב דיך פער־נארט...

ווי לעכערליך און דום דאס איז פון דיר!

שוין ניט איין יאהר זינגסטו אט אזעלכע טראגישע לידלעך.

דו פערגעסט אבער די אורזאכען און די שולד פון דיין טראַ־גישען לעבען...

דו מאכסט מיך פאר דעם שולדיגען...

אסקאר ווייעלד האט געזאגט, אז פרויען געדענקען זעהר ווייניג...

אך! ווי ער האט געקענט אייך פרויען! אבער איך וועל דיך דערמאנען, מיין טייערע, ניט איך בין דער שולדיגער, ווען דו האסט פערגעסען וו א ס ס'האט געברענגט צו דיין איצטיגען טראגישען לעבען...

איך לייד ניט ווייניגער פון דיר, אבער איך קען זיך ניט העל־פען. פאר דיר אבער וועל איך אלץ טאן. נאר זאג מיר וואס דו ווילסט? כדי דו זאלסט דיך קענען בעפרייען פון דיינע ליידען. מוזטו מיר זאגען וו א ס איך זאל טון פאר דיר!...

איך פערשטעה דיך איצט גאר ניט!

ווי קען איך פערשטעהן, פאר וואס דו שרעקסט זיך פאר מיין שרייבען?

ניט פאר דיר שרייב איך! מיר אליין איז אינטערעסאנט אלץ אויפצושרייבען וואס אין מיין לעבען קומט פאר:

דאס גוטע או זדאס שלעכטע; דאס שעהנע און דאס העס־ליכע; די ליעבע און דעם האס; די פריידען און די ליידען; אט די אלע ענטגעגענגעזעצטע איינגעשאפטען אין'ם מענשליכען לעבען. רופט ארויס ביי מיר דעם טיעפען ווילען אויפצושרייבען אלץ וואס

מיט מיר פאסירט און מיט דיין לעבען איז דאך אויך א שטיק פון מיינעם פערפלאכטען...

אמאל איז געווען א צייט, אז אין איין העמד האב איך גע־קענט געהן אזוי לאנג ביז ס'איז אויף מיר שווארץ געווארען ווי סאמעט, מיין קערפער איז געווען געזונט, די קליינעקע פרעס־חיה'לעך האבען קיין ווירקונג ניט געהאט אויף מיר. איך בין גע־ווען צופריעדען...

און היינט, קוים זעה איך א טונקעלען פלעק אויף מיין העמד, מוז איך גלייך אן אנדערם אנטון...

מיינסטו אפשר, טייערע! אז מיין איצטיגעס לעבען איז מיר מעהר אינטערעסאנט?

ניין? טויזענד מאל ניין!

דאמאלס בין איך אין יענעם שווארצען העמד פיעל גליקלי־כער געווען, פיעל אינטערעסאנטער איז עס דאמאלס געווען, ווי היינט ווען איך געה בלאנק און קלאהר.

ס'איז דא קאנטראסטען אין'ם לעבען, און די דאזיגע ענט־געגענגעזעצטע קאנטראסטען, האבען מיך געטריבען, אז איך זאל אלץ פערשרייבען...

און ביי אונז אליין?

ווען דו זאלסט נאר וועלען געדענקען?... איז דען אונזער ביי־דענס לעבען ניט אינטערעסאנט צו פערשרייבען?

דו האסט מיר גליק, אבער ניט וועניגער אונגליק געגעבען...
שעהנקייט, אבער ניט וועניגער העסליכקייט...
ליעבע; אבער ניט וועניגער האס!...
פריידען; אבער ניט וועניגער ליידען!...
אלץ קאנטראסטען, געגענזאצען!

יצחק פאדאראסקי

נו, איז דאס ניט אינטערעסאנט צו פערשרייבען?

דערמאן דיך נאר אין יענעם מאמענט, ווען דו ביזט גאנץ פלוצים אין מיטען נאכט געקומען פון דיין פאעטישע לוסטרייזע!...

אט דאמאלס ווען איך בין אין מיין צימער ארומגעלאפען ווי א משוגענער, ניט האפענדיג מעהר, אז איך זאל דיך זעהן, זאגאר חענקענדיג, אז דו ביזט שוין טויט, ווייל איך האב גאר קיין נאכריכט פון דיר ניט דערהאלטען...

דו האסט פלוצים אין מיין טהיר געקלונגען און גלייך אין מיינע ארעמס אריינגעפאלען...

אך! ווי פיעל ליעבע! וויפיעל גליק!

מיר האבען פאר פרייד דאמאלסביידע געוויינט! מיר זיינען דאמאלס ביידע אויף'ן בעט געפאלען און מיט דעם הימלישען זעליגקייט איינגעשלאפען...

איצט א צווייטער מאמענט אין אונזער לעבען! מיר זיינען ביידע געשטאנען אונטער א באלקאן נעבען א קלויסטער אויף'ן פלאץ טרינעטיי און מיר האבען זיך ביידע געזיידעלט מיט די העמליכסטע ווערטער! איך האב דאן אויסגעזעהן ווי א זשוליק און דו מיין טייערע, ווי א גאסען פרוי...

און ווידער א פאר טעג שפעטער, ביזטו ווידער געווען מיין גאט, מיין לעבען! און איך דיין מלאך.

אט אזוי איז שוין דאס לעבען, די ענטגעגענזעצטע קאנטראסטען געהען האנד אין האנד.

און דאס אלץ מיין טייערע, האט מיך געטריבען צו פערשרייבען.

אמת, ניט יעדער געפינט פאר נויטיג אזוי צו טון, איז אבער ניט יעדער „איך". איך האב ליעב צו דענקען, אלץ פסיכאלאגיש

צו בעטראכטען. יעדער שטילער לעבענס־אטעם איז פאר מיר אינ־טערעסאנט און איך פערשרייב אלעם.

און דו האסט גאר מורא פאר דעם!

ליעבסטע!

מיט וואס פאר א רעכט ווילסטו מיינע בריעף פערברענען?

איך האב זיי דיר נאר צום לעזען געגעבען, ס'איז דאך אבער מיין מארך, מיין נשמה!... וואס פאר א רעכט האסטו צו זיי?

אפשר דאס רעכט פון אן אונוויסענדען? און דו פערשטעהסט אפילו ניט וואס דו ווילסט טון?...

איך האב דיין נשמה פערפיהרט? — א נשמה פערפיהרט מען ניט. ווען ס'איז אויך דא פערנונפט, ניט בלויז סענטימענט אין באנאליטעט...

די וואס בעקלאגען זיך שטענדיג, אז זיי זיינען פערפיהרטע, די זיינען פיעל מעהר די פערפיהרער...

נאר איך בין קיין פערפיהרטער ניט, אלץ איז מיר אינטערע־סאנט, אויך די ליידען... און איך פערשרייב אלץ...

ווען דו דענקסט, אז איך בין דער שולדיגער אין דיינע ליידען, שרייב מיר וואס איך זאל טון פאר דיר, אז דיר זאל בעסער ווערען און דו זאלסט ניט האבען אזעלכע שלעכטע חלומות וועגען מיר...

מיין טייערע!...

איך פערשטעה ניט, ווען דו ליעבסט און שעצסט אזוי דיין מאן, פאר וואסזשע האסטו אזעלכע שלעכטע חלומות?

קיין זאך מאכט מיך ניט צום ליידען, ניט דו, ניט דיין מאן, ניט מיין פרוי, ניט מיינע קינדער, ניט דיינע קינדער.

מיין מארך איז אין פערשיעדענע קעסטעלעך איינגעטיילט.

יצחק פאראראסקי

און מײַן האַרץ האָט פאַר יעדערען פיהלענדעס. איך גיב יעדען וואָס איהם קומט און קײנער װעט מיך פון װעג ניט אראָבפיהרען.

איך האָף, אז דיר װעט בעסער װערען און די שלאָפלאָזע נעכט װעלען װערען א פערגאַנגענהײט.

שיק מיר אָפ מײנע אלטע בריעף...

דײנער...

צווייטער בריעף

טייערע!

איך האב א בריעף צו דיר געשריבען און האב איהם צעריסען. טראכטענדיג דאביי, אז מיין איצטיגער שרייבען קען נאך צוריק רופען דיינע אלטע אונצופריעדענהייטען און וועלכע איך בין ניט אימשטאנד זיי דיר צו ערפילען.

אבער דיר צו בעקענען ווי ווייט ניט צופריעדען איך בין מיט דיר איצט, האב איך א צווייטען בריעף אנגעשריבען.

דו מוזט אמאל פערשטעהן די פסיכאלאגיע פון א פיהלענדען מענשען און וויסען דאס הארץ פון א נשמה עקזיסטענץ...

אכט מאנאט צייט האב איך ניט געהערט פון דיר. אכט מאנאט האב איך ניט געוואוסט וואס דו און דיין פאמיליע טוען. צו לעבט איהר; צו האט איהר אויף אפצועסען און אט האב איך פון דיר א בריעף דערהאלטען.

האסט דיך מסתמא בעדענקט, אז ערגעץ וואו מאטערט זיך א נשמה, וועלכע האט אזוי פיעל געליטען דורך דיר.

איך קען דיר גאר ניט פארשטעלען די אויסערגעוועהנליכע פרייד וואס ביי מיר אין הארצען האט געברויזט. די צייט ביז איך האב דעם קאנווערט אויפגעריסען איז מיר צו לאנג געווען. אבער ווי מערקווירדיג דאס איז, לעזענדיג דיין בריעף, האט זיך דער ברוי־זענדער יובעל אבגעקיהלט.

דו האסט מיין אדרעס ניט געהאט... האסט זיך געשראקען

שרייבען צו מיר אהיים ?... צוליעב מאשע'ן... ס'ווילט זיך לאכען: א רחמנות מענש...

גלויב מיר טייערע, איך האב אויף דיינע נארישקייטען גאר ניט געוואלט ענטפערען.

נאך 8 מאנאט ווארטען, נאך 8 מאנאט ארויסקוקען א לעבענס־צייכען פון דיר צו דערהאלטען, האסטו גאר קיין אנדערע זאכען ניט געפונען צו שרייבען נאר נארישקייטען. קיין מעהר פיהלענדע, ווערטער האסטו גאר ניט געפונען... זאגען: אז האסט געדארפט „לאגישער שרייבען". ווי קומט צו דיר לאגיק?

איך האב דיר ניט געוואלט ענטפערען. אבער דענקענדיג, אז אפשר וועסטו ליידען, האב איך דיר געשריבען עטליכע ווערטער, אז מיר זיינען געזונט.

דערוויסענדיג זיך דאן, אז דו קומסט מיט דיינע קינדער אין שטאדט און ווילסט זיך מיט מיר זעהן, האב איך דיר געשריבען, אז דו זאלסט קומען אין מיין מייסטערסקיי און דארט וועסטו מיך קענען טרעפען. קיין אנדערען אויסוועג האב איך ניט געהאט, ווייל מיינע אומשטענדען זיינען דאמאלס געווען שלעכטע און איך האב שטענדיג געמוזט זיצען דארט.

דו ביזט ניט געקומען...

גלויב מיר, אז דיין ניט קומען האט קיין שלעכטע ווירקונג אויף מיר ניט געמאכט. בפרט דערוויסענדיג זיך פון אנדערע, אז דו ביזט געזונט און שען, דיינע קינדער זיינען געזונט, דיין מאן האט זיך ניט שלעכט, אבער מאשע, וועלכע דו רופסט דיין פיינד, פלעגט שטענדיג פרעגען, וואס דו מיט דיין פאמיליע טוט. איך האב איהר געזאגט, דאס וואס איך האב געוואוסט....

נשמה טרעפן

נאָר בליקענדיג טיעף אין איהר נשמה, האָב איך דערקענט, אַז זי גלויבט מיר ניט, אַז איך טרעף זיך ניט מיט דיר...

די צייט איז געגאנגען און איך האָב פון דיר גאָר ניט גע־הערט. מאַשע האָט מיך שטענדיג געפרעגט וועגען דיר און איך האָב ניט געוואוסט וואָס איהר צו זאָגען, ווייל איך האָב דאָך אליין אויך ניט געוואוסט.

אָבער דיין „פריינד“ האָט אַ פיהלענדע נשמה. זי האָט געוואָלט זיך ווענדען צו דיין דאָקטאָר. פרעגען איהם וואָס דו מיט די קינ־דער טוען. איך אָבער האָב עס ניט געוואָלט צולאָזען, ווייל איך האָב געצווייפעלט אין איהר ערענסטקייט. ניט וויסענדיג, צו וויל זי עס טאַקי אליין וויסען אָדער נאָר מיר בערוהיגען.

און אָט איז געקומען אַ בריעף פון דיר. וועלענדיג פערשטעהן דיין שרייבען האָב איך דעם בריעף פיעל מאָל איבערגעלעזען. איך האָב איהם אָבער ניט פערשטאַנען. איהר פרויען זאָגט דאָך, אַז אַ מאַן קען ניט פערשטעהן די פּסיכאָלאָגיע פון אַ פרוי...

נאָר דאָך נאָך אַ צייט אַריינטראַכטען זיך אין דיינע ווייבערי־שע פּסיכאָלאָגישע סענטימענטען, האָב איך אָנגעפאַנגען פערשטעהן דיין בריעף און האָב גענומען טרעפען וואָס מיט דיר איז...

טייערע !

בעטראַכט אליין דיינע ווערטער :

„דו ווייסט ניט פאַר וואָס דו האָסט מיר ניט געשריבען...“ דער גרויסער פּסיכאָלאָג לאָמבראָזע האָט אַמאָל געענטפערט איינעם, וואָס האָט געזאָגט, אַז ער „ווייסט“ ניט: אַז ניט וויסען, איז נאָר ביי קינדער און משוגעים... אַ נאָרמאַלער מענש מוז אַלץ וויסען...

און אפשר איז אמת וואָס די וועלט זאָגט : אַז פרויען זיינען ווי „קינדער“...

מיר פערדריסט עס, אַ גרויסער מענש טאָר קיין קינד ניט זיין!...

דו שרייבסט ווייטער:

„דו האָסט געוואָלט פאַהרען מיט דיינע קינדער אין געסט,
„זיי איבערלאָזען און זיך קומען מיט מיר זעהן; נאָר ליידער...“

אַט דער „ליידער“ איז מיר געוועזן אונפערשטענדליך. שוין איינינע יאָהר זיינען דיינע „ליידערס“ מיר בעקאַנט. איך האָב זיי קיינמאָל ניט פערשטאַנען. אָבער איצט נאָך מעהר. ניט וויסענדיג דיין איצטיגען לעבען, איז מיר דאָס וואָרט „ליידער“ נאָך מעהר שווער צו פערשטעהן.

פאַר וואָס שרייבסטו ניט אָפען? אָדער קום צו מיר און זאָג: וואָס פערלאַנגסטו? וואָס ווילסטו פון מיר איך זאָל פאַר דיר טון?

וויין ניט שטענדיג, אַז איך בין שולדיג אין דיין טראַגישען לעבען...

קום צו מיר אין הויז און זאָג אַלץ אָפענהערציג, וואָס זאָל איך פאַר דיר טון אום דו זאָלסט ניט דאַרפען ליידען?

שרעק זיך ניט פאַר מאַשע'ן, זי איז צו דיר מעהר טאָלעראַנט ווי דו צו איהר...

ס'האָט אפשר געדאַרפט זיין פערקעהרט, איך וויל אָבער איצט פון דעם ניט רעדען...

זייט דו ביזט אין דיין „גליק“ פערקראָכען, האָלסטו נאָר אין איין זאָגען „ליידער“.

וואָס מיינסטו מיט דעם בעדייטענדען־אונבעדייטענדען וואָרט?

ליידער וואָס דו האָסט אַ מאַן?
„ליידער“ וואָס דו האָסט קינדער?

אדער „לײדער" װאָס איך האָב אַ װײַב מיט קינדער?
אם ענדע קען עס גאָר הײסען:
„דו װאָלסט װעלען פון מיר נקמה נעהמען נאָר „לײדער", דו ביזט צו שװאך פאַר דעם...
אַט די אַלע „לײדערס" האָבען גאָר קײן בעדײטונג ניט פאַר מיר...
װײל איך האָב נאָך אַ „לײדער":
„לײדער" ביזטו אַ פרױ... און נאָר בלױז אַ פרױ... און דו װילסט גאָר ניט װיסען אַז דאָס לעבען קען אַלעמען פערפיהרען...
אַט דאַכט זיך אונז איז אַלץ גלײך, גוט, מען איז גליקליך... קומט דאָס װאַכענדיגע ניט פערשטענדליכע לעבען און לאַכט פון אונז... לאַכט טײפליש... לאַכט מיט שאַרפע צײן...
טײערסטע!
דו ביזט ניט די אײנציגע מיט עגאָאיסטישע געפיהלען, װאָס װיל, אַז דאָס לעבען זאָל שטענדיג טאַנצענדיג און לאַכענדיג פאַר־איבערגעהן...
מיר װילען דאָס אַלע...
אָבער „לײדער" (האָסטו װידער אַ לײדער) דאָס לעבען פרעגט בײ אונז קײן עצות ניט. עס האָט שאַרפע צײן. עס לאַכט און בײסט...
אָבער פערשטעהן װאָס דו װילסט? דאָס קען איך ניט!
איך פערשטעה אַזױ פיעל, אַז דו ביזט אַן אָפּפער פון דעם קאַלטען אכזר'דיגען לעבען. אָבער װאָס בין איך שולדיג?
שױן פיעל מאָל האָסטו זיך געקענט בעפרײען, לעבען אַנ־דערש, האָסטו אָבער ניט געװאָלט...

יצחק פאַראַסקי

דו זאָגסט, אַז דו וואָלסט אַלץ געטון, נאָר דו האָסט ניט קיין אויסוועג...

ניין! דאָס איז ניט אמת, טייערע! דו האָסט פיעל מאָל געהאַט אויסוועגן, נאָר דו האָסט ניט געוואָלט... ווייל דו ביזט ניט די פרוי וואָס דו האָסט דיר פאָרגעשטעלט צו זיין אין דיין לעבען... דו ביזט א גאַנץ איינפאַך שוואַכע פרוי פון דער היינטיגער געזעל־שאַפט...

טייערסטע!

דו געדענקסט זיכער, ווי איך האָב שטענדיג דיר געזאָגט, געבעטען דיך:

זיי ניט שוואַך! האָב ענערגיע! טו ניט געגען זיך!

טייל ניט דיין בעט מיט וועמען דו ווילסט ניט און וועמען דו ליבסט ניט!...

דו האָסט געלאַכט פון מיר, דו האָסט מיך גערופען פאַלשער מענש!...

איצט זעהסטו, אַז איך האָב פאַר דיר בעסערע וועגען אויס־געקליבען, ווי דו אַליין!

דו שרייבסט ווייטער:

איך זאָל אויף דיר ניט ברוגז זיין און דיר אָפטער שרייבען:

ווען דו זאָלסט ניט מורא האָבען פאַר מיר, וואָלסטו מיר געבעטען קומען צו דיר...

אָט האָסטו שוין ווידער מיין נשמה אין דיין פרויען־פאַסטקע אַריינגעכאַפט...

איך וויים ניט וואָס דיר צו ענטפערען אויף דיינע געפיהלען און ליידען...

וואָס זאָל איך דיר ענטפערען?

נשמה טרערן

אז איך בין גליקליך? אז דו ביסט פאר מיר גאר ניט?

איז צו האבען ברויט צו דער זעט שוין אלץ? דארף מען צו חער נשמה שוין גאר ניט?

איך וויל דו זאלסט מיך פערשטעהן טייערסטע, אין דער טי־פעניש פון א מענשליכער נשמה, (ווער עס האט אזעלכע) איז דא א פיעל העכערער פערלאנג ווי די ברויט פראגע... וואס זשע זאל איך דיר זאגען? אז מיין נשמה איז גענעטיגט? דו אליין ווייסט אז ניט...

דו האסט מורא פאר מיר; ווי לעבערליך דאס איז, מורא האבען פאר א מענשען וועלכען מען האט די נשמה צובראכען... איך בין הילפלאז!...

איך זאל ניט ברוגז זייער אויף דיר —.— אט דיזע ווערטער דיינע האבען ערוועקט אין מיר דעם געדאנק, אז דו ליידעסט אמת'דיג, אז דיין הארץ איז אויך צובראכען, אבער וואס קען איך דיר העלפען?

דו פערלאנגסט, אז איך זאל קומען צו דיר אין געהיים, איך זאל זיך ארויס'גנב'נען פון מיין מייסטערסקיי, לויפען צום באהן ווי א גנב, היטענדיג זיך, אז קיינער זאל מיך ניט זעהן, קומענדיג אין דיין שטעדטיל, ניט געהן מיט'ן גלייכען וועג, ווי אלע מענשען, נאר מיט פעלדער, גערטנער, און זיך יעדער ווייל' ארומקוקען, צי עס זעהט מיך ניט ווער...

האב איך שוין דערזעהן דיין וואוינונג, פלעג איך זיך אריינ־כאפען ווי א גנב, שרעקענדיג זיך פאר דיינע שכנים. אריינקומענ־דיג צו דיר, פלעגסטו מיר גלייך פערזיכערען, אז קיין מענש איז אין הויז ניטא און קיינער וועט ניט וויסען.

דו פלעגסט דיך אריינווארפען אין מיינע ארעמס מיט דיין

יצחק פאדאראסקי

ווייכע וואַרמע קערפער, דיינע שוואַרצע אויגען האָבען אויף מיר געקוקט מיט אזוי פיעל הארציגער ליבע, מיר האָבען פערגעסען דאַס גאנצע ערדישע לעבען, אונזערע נשמות זיינען געווען ווייט ווייט אוועק פון דעם וואַכענדיגען וועלטעל... מיר האָבען געטרונקען פונ'ם פולען בעכער מיט הימלישען גענוס...

היינט האָסטו פאַר מיר מורא...

וואָסזשע זאָל איך דיר אויף דעם ענטפערען? וואו איז דאָס פאַעטישע, דאָס הימלישע אהין געקומען?

טייערע, איך בין צובראָכען...

איך ווייס דיין פערלאַנג; איך ווייס, אז עס קען נאָך אפשר די הימלישע פאַעזיע צוריקקומען, פאַר מיר איז עס אבער צו שווער..

ווען דו זאָלסט נאָר פערשטעהן, ווי דער פאַעטישער הימעל־גענוס, איז פערבונדען מיט'ן ערדישען טויט, אָ! ווען דו זאָלסט עס נאָר פערשטעהן?

פאַר דעם הימלישען וואָס איך האָב פון דיר געהאַט, בין איך שוין ניט איינמאָל געווען נאָהענט צום ערדישען טויט... איצטער ווען דער טויט דרעהט זיך ארום מיין גליק, קען איך שוין מעהר ניט איבער פעלדער און גערטנער לויפען... יאָ! טייערע, איך בין צע־בראָכען!

איך קען אויף דיר אין כעס ניט זיין, איך וואָלט געווען גליק־ליך, ווען דו זאָלסט פערשטעהן אביסעל מעהר ערענסטער צו זיין, מעהר געפיהלט מיט מיר, וואָלסטו אליין אויך ניט אזוי פיעל געליטען...

דיינער...

דריטער בריעף

טייערע!

געטראכט האב איך, דיר גאר ניט צו ענטפערען אויף דיין בריעף; ווייל אויף פראזען וואס זיינען ביי דיר אין קאפ פון צארן געשאפען געווארען, און דו האסט זיי, ניט בערעכענדיג זיך צו מיר פאר א בריעף צוזאמען געשטעלט, קען אזא פיהלענדער מענש ווי איך ניט ענטפערען.

נאר איינזעהענדיג, אז דיין עגאיזם האט זיך ביי דיר פאר־נאנדער געשפיעלט, ווייל איך פרואווען דיך אביסעל צו בערוהי־גען, אמת, איך וויים, אז מיט איין בריעף קען מען דיין איינגע־רעדטע קראנקהייט ניט היילען.

אט ווילסטו פילאזאפירען: האט זיך ביי דיר א פילאזאפישע פראזע ארויסגעריסען:

„אזעלכע לעבענס ווי אונזערע איז ניטא קיין סך!"

ס'איז ניט ריכטיג, מיין טייערע, ווייל זיך נאר מעהר פער־טיעפען אין דער פסיכילאגיע פונ'ם לעבען, זוך איינ'ם קאמפלי־צירטען צוזאמענגעפלאנטערטען לעבענס־קנויל, וועסטו פיעל — פיעל אזאלכע ווי דו געפינען.

סטאניסלאוו פשעבישעווסקי האט פון דעם סארט טיפען ווי דו ביזט, זעהר פיעל. אזעלכע ווי איך, האט ער ניט.

„איך האב מיט דיין נשמה געהאנדעלט אזוי ווי מיט א שקלאף" ווידער א פראזע!

יצחק פאדאראסקי

ס׳איז ניט אמת!

איך פערשטעה אבער וואס דו מיינסט... דו ווילסט שפיעלען די ראָלע פון אלגא, ווי ביי דעם „גליק" פון פשעבישעווסקי. בין איך דאך אבער ניט קיין מלוצקי און דו קאָנסט מיך ניט פערשקלאַפען צו דיין קליידעל...

איך האָב שוין גענוג געקענט די סאָרטען טיפען, און אזא נשמה ווי אלגא׳ס איז פאר מיר צו קליינליך, אז איך זאל פאלען פאר איהר...

איך בין שטארק גענוג ניט צו זיין פון די צוקראַבענע נשמות ווי ביי פשעבישעווסקי העלדען. ערשט טהאָן זיי אלץ און דערנאך האָבען זיי געוויסענסביסע, און אלץ צוליעב די נאַרישע ניט אויסגעהאַלטענע שוועבליגגע ווי אלגא איז...

ניין! טייערע, איך קען ניט זיין דאס, וואס דו האסט געוואלט איך זאל זיין...

דיר עקעלט פון מיר און פון מיין פארשטעהן מאשע? אט אין דעם אויסדרוק דיינעם דערקען איך, אז דו ווילסט שפילען אלגא׳ס ראָלע, ווייל אלגא האָט אויך דאסזעלבע געזאָגט צו מליצקי אויף העלענא׳ן...

טייערע! דיין גאנצער פערהאַלטען זיך צו מיר מיט מאשע׳ן, בעטראכט איך גאַנץ אַנדערש, ווי איך זאל זיין דיין געליעבטער. נאָר פשוט ווי א גאנץ זייטיגער מענש, וואס וויל ניט אפפערען א פרוי צוליעב איהר וועלען ליעבען...

דאן פרעגסטו מיר, פארוואס איך האָב דיר קיינמאל ניט געפרעגט, וואס מאשע האָט ביי דיר געטהאָן? און וואס זי האָט פערלאנגט פון דיר?

איך האָב זיך ווירקליך קיינמאל ניט פעראינטערעסירט אין

דעם, ווייל איך האב פערשטאנען, וואס מאשע זאל האבען ביי דיר פערלאנגט, איז דאס פאר איהר ניט קיין פערברעכען, ווייל אזוי פערשטעהט זי... און דיר דארף דאס זיין לייכט אריבער צו טראַ־גען.

טייערע!

דו ביזט טרויריג, ווייל מאשע האט ביי דיר פערלאנגט, אז דו זאלסט דיך אפפערען און אויפהערען מיך ליעבען.

זי איז זיכער קיין פערברעכען ניט בעגאנגען.

וואס האט מאשע פערלאנגט?

זי האט דיר געבעטען, אז דו זאלסט אויפהערען ליעבען איהר מאן וועלכען זי האט אזוי שטארק ליעב און מיט וועלכען זי האט קינדער.

זי איז דאך נאך ניט געקומען צו דער שטופע פון פרייער ענטוויקלונג, אז זי זאל פערשטעהן, אז א מאן קען ליעבען צו דער זעלבער בייט צוויי פרויען און צוביידען זיין געטריי. דאס צו פערשטעהן מוז מען דאך פריי זיין פון אלע נארישע פאראורטיילע, וועלכע די קלוגע מענשען פון דער היינטיגער ציוויליזאציע האַ־בען אזוי פערברעכעריש פערפלאנטערט... וואס קומט מאשע'ן דערפאר ווען זי קען ניט זיין קיין אויסנאהמע פון אלע דורכשניט־ליכע מענשען. זי האט נאר איינגעזעהן, אז איהר לעבען ווערט צעבראכען, און ניט זיכער זייענדיג מיט מיין ליעבע צו איהר, האט זי ביי דיר „פרייע נשמה" געבעטען: אז דו זאלסט איהר לעבען ניט צעברעכען, דו זאלסט א קרבן ברענגען צוליעב איהרע קינדער!

איז זי מיט דעם געגען דיר א פערברעכען בעגאנגען? מאשעס ליעבע איז דאך א פאנאטישע; זי בעלאנגט דאך ניט צו דער זעל־בער קאטעגאריע טיפען ווי דו ווילסט בעלאנגען.

דיין ליעבע צו מיר רופסטו דאך „פרייע ליעבע“, ס׳קען אבער אויך גאנץ לייכט מעגליך זיין, אז דו אליין פערשטעהסט אויך ניט וואס „פרייע ליעבע“ מיינט...

מאשע פערשטעהט, אז איך געהער צו איהר אינגאנצען. אז קיינער טאר זיך אין מיר ניט אנריהרען, טהוט עס אבער וועה. איז ער א פערברעכער, דערוויסענדיג זיך, אז אין מיין הארצען איז נאך דא א צווייטע ליעבע, וועלכע איז ניט קלענער פון מיין ליעבע צו איהר, און ווילענדיג וויסען דעם גאנצען אמת, האט זי געטהאן דאסזעלבע וואס העלענא אין׳ם „גליק“ פון פשעבישעווסקי האט געטהאן; מיט נאכשליסעל מיין שרייב־טיש געעפענט, געלעזען דיינע און מיינע ליעבעס־בריעף, זייענדיג איפערזיכטיג האט זיך איהר געדאכט, אז אין מיין הארצען איז פאר איהר מיט די קינדער קיין פלאץ ניט געבליבען, איז איהר אנדערש ניט געבליבען צו טהאן נ א ר זיך ווענדען צו דיר...

דו האלסט עס פאר א פערברעכען: דו פרייער מערדער! פאר וואס ווילסטו גאר ניט פערשטעהן, אז דו מאטערסט מיך און זיך מיט דעם וואס דו גלויבסט מיר ניט.

מאשע איז קיין פערברעכען ניט בעגאנגען! זי האט לויט איהר פערשטאנד און עמפפינדען, רעכט געהאט צו פערלאנגען פון דיר, אז דו זאלסט אויפהערען ליעבען איהר מאן און דו זאלסט דיך אפפערען צוליעב איהרע קינדער...

דאס איז אפשר ניט לאגיש, ווייל אויפהערען ליעבען קען מען ניט, אבער קיין פערברעכען איז עס געווים ניט. ווען זי וואלט דאס נ י ט געטהאן, וואלט זי געדארפט האנדלען ווי „העלענא“ האט געהאנדעלט...

וואס פאר א גליק וואלט עס אבער פאר דיר געווען? מיינסטו

אפשר, אז דו וואלסט גליקליכער געווען? ניין! אין דעם האסטו א גרויסען אירטום, מיט דעם וואס מאשע איז געפאהרען צו דיר, איז עס געווען א גליק פאר אונז אלעמען... ווען דו זאלסט וועלען וואלסטו עס פערשטאנען... אט ווייסט נאך דיין „מאן" ביז'ן היינטיגען טאג ניט פון דיין גליק...

ליעבסטע! דו מוזט איין מאל פאר אלע מאל וויסען, אז איך האב מאשען ניט געוואלט פערלירען פון מיין לעבען! איך האב ניט אנגעפאנגען דיר ליעבען, וויל איך האב איהר פיינט געקראגען, נאר דו מוזט האך פערשטעהן, אז דאס איז געווען אין צוויי פערשי־דענע צייטען, רוף עס, צוויי פערשידענע ענטוויקלונגס־פעריאדען אין מיין פערזענליכען לעבענס־אלטער, דאמאלס אין די ערשטע יוגענד־יאהרען אין דעם פריהלינג פון מיין לעבען, האב איך מאשען דערקענט און האב זיך אין איהר פערליעבט מיט א מין נאיווען פאנאטיזם... דערקענענדיג דיך בין איך שוין געווען ווייט, ווייט אוועק פון יענער פאנאטישער נאיוויטעט און איך האב זיך פער־ליעבט אין דיר מיט א פרייען גייסט פון געצליך ענטוויקעלטען מענשען, איך האב דאס גערופען „פרייע ליעבע".

געמיינט האב איך, אז איך וועל קענען אט די צוויי פער־שיעדענע אבער טרייע ליעבעס אין מיין נשמה פעראייניגען, האב איך אבער געהאט א טעות, ניט אלע מענשען זיינען אבער געקומען צו דער שטופע וואס איך. איבערהויפט איהר פרויען, פרייע און ניט פרייע, האט נאך אלץ אין זיך דעם גייסט פון עגאיזם, יעדער וויל אלץ פאר זיך... איהר קענט זיך מיט מיין נשמה ניט טיילען, אט שרייט די אלטע ליעבע: דו קענסט ניט זיין פריי, דו מוזט זיין פערשקלאפט און קיינעם מעהר ניט ליעבען. די פרייע מאדערנע ליעבע, וויל ווידער אז איך זאל געהערען נאר צו איהר, וויל זי

האָט מיך פריי געמאַכט... זי האָט מיר איהר יוגענד אוועקגע־שענקט, איז דאָס ניט קיין גרעסערע שקלאַווערײַ, ווי יענע ערשטע נאַיווע פאַנאַטישע ליעבע?

איך פרעג דיר נאַר, טײַערע, וואָס האָסטו געדענקט צו טהאָן מיט דער האַזיגער שקלאַווישער פרייער ליעבע צו מיר? און וואָס האָסטו געמיינט וועל איך טהאָן פאַר דײַן וועלען מיר ליעבען? האָסטו געמיינט, אַז איך וועל ערמאָרדען מענשען אָהן אויסרעכנונג צוליעב דער פאַלשער, פרייער ליעבע?

ניין! דאָס איז קיין פרייע ליעבע ניט! דאָס איז עפּעס אַ משונה ווילדער טאַנץ וועלכען דו אַליין פערשטעהסט ניט!...

מיינע פרייע געפיהלען האָב איך קיינמאָל ניט פערשמוצט! איך בין נאָך אַלץ דערזעלבער ווי מיט דרײַ יאָהר צוריק. קיין זאַך האָט זיך בײַ מיר ניט געענדערט, אָבער דו, וויפיעל זאַכען האָסטו שוין געטהאָן געגען מיר, אַלץ אין׳ם נאָמען פון דער „פרייער ליעבע".

פאַר יענער נאַיווע אַלטע ליעבע, האָב איך נאָך אמת׳דיג געדולד, אָבער פאַר דיר מיט דײַן קינד, וועלכעס ס׳איז אויך פון דײַן „פרייע ליעבע" געקומען... האָב איך גאָר ניט... ווײַל דאָס איז ניט די פרייע ליעבע וואָס האָט געדאַרפט זײַן.

איך בין פאַלש, זאָגסטו, איך וויל פון דיר ניט וויסען, בין איך דען שולדיג, אַז דו פערשטעהסט ניט מעהר...

טײַערע! דו מוזט וויסען די הויפּט אורזאַך פון מאַשעס זײַן בײַ דיר, זי איז אייגענטליך צו מיר געפאָהרען ניט צו דיר... נאַר! בײַ דיר אין „דײַן מאַן׳ס" הויז.. (ווער ניט אויפגערעגט און מיין ניט, אַז איך בין דײַן מאַן אַ שונא, אָדער איך וויל

דיר עפּעס רייצען מיט די ווערטער „דיין מאַן“. איך וויל דיר בלויז דערצעהלען, פאַר וואָס מאַשע איז געווען ביי דיר:

זי האָט געפונען דיין בריוועל אין וועלכען דו האָסט מיר גע־בעטען קומען צו דיר, נאָך דיין ליעבעס־אויסגוס אין דיין בריוועל, האָט זי געדענקט, אַז זי וועט מיך זיכער דאָרט טרעפען, וואָס זי האָט געדענקט צו טהאָן דאָרט ביי דיר אין „דיין מאַן'ס הויז“ ווען זי טרעפט מיך דאָרט, קען איך דיר ניט שרייבען, ווייל לויט דיין פערשטעהן פון פרייע ליעבע און פרייען פערשטאַנד, ועסטו מיר ניט וועלען גלויבען, אַז אַ וואונדער איז געשעהן וואָס זי האָט מיך ביי דיר „אין דיין מאַן'ס הויז“ ניט געטראָפען, דו ביזט בלויז אַפּגעקומען מיט אַביסעל שרעק, זי האָט דיך בלויז געבעטען דו זאָלסט ברענגען אַן אַפּפער צוליעב איהר און די קינ־דער, דו זאָלסט אויפהערען ליעב האָבען איהר מאַן...

דו פרעגסט, צי וועל איך האָבען אַן ענטפער פאַר די שמער־צען וואָס זי האָט דיר פערשאַפען?

זאָג! איז דאָס ניט לעכערליך אַט דיינע קליינליכע עגאָיס־טישע געפיהלען? און די אַלע שמערצען וואָס מאַשע האָט גע־ליטען, ווער וועט דאָס פערענטפערען?... אַז איהר קענט ביידע ניט פערשטעהן דאָס אמת'ע פרייע לעבען! דאריבער האָט איהר שמערצען!...

וואו איז דיין מענשליכקייט, אָרענטליכקייט און ערענסט־קייט? איך קען דיינע פינסטערע חלומות ניט הערען, דו האָלטסט נאָר אין איין דענקען, אַז איך בעשמוץ דיין נשמה... הלואי וואָלסטו מיין נשמה אַזוי געשעצט ווי איך דיינע, וואָלטען מיר ווי מלאכים געלעבט...

דאָס וואָס איך קען אין דיין בריעף ניט לעזען, בין איך ניט שולדיג און איך וועל אויף דעם ניט ענטפערען.

דו שרייבסט: דו וואָלסט זיך זעהר וועלען בעפרייען פון דיינע אונגליקליכע חלומות, נאָר דיין קינד איז דיר אין וועג... דו ווילסט עס אליין ניט לאָזען, זעהסטו, דיעזען געפיהל דיינעם שעץ איך זעהר הויך, ווען דו זאָלסט אין דיר שוין קיין מוטער־ליעבע ניט האָבען וואָלסטו ביי מיר „מערהדערין" געהייסען.

האָסטו שוין דיעזען ערדעלען געפיהל, פאַר וואָס זשע דענקסטו ניט וועגען יענעם׳ס קינדער אויך? זאָל אַ אַנדערער יאָ זיין אַ מערדער איבער זיינע קינדער? איז אָבער ווי איך האָב דיר פריהער בעמערקט, דיין ליעבע וועלכע דו רופסט „פרייע" איז ניט מעהר ווי אַ נידעריגער עגאָאיזם, דו ווילסט נאָר בלויז דיין אייגענעם איך צופריעדען שטעלען, יענער געהט דיך ניט אָן... יענעם׳ס נשמה האָט ביי דיר קיין רעכנונג ניט.

איך זאָל בייז זיין אויף דיר? ניין! איך בעדויער דיך נאָר...

טייערע! אָט ליגט דיין בריעף פאַר מיר אויפ׳ן טיש און איך האַלט איהם אין ענדיגען לעזען.

דו פערשטעהסט, וואָס איך האָב מאַשען ניט געלאָזען פאָהרען צו דיר, איז ווייל איך האָב מורא געהאַט, אַז דו וועסט צושטערען מיין גליק...

אַ! ווי לעבערליך און נאַריש דאָס איז! איך וואָלט וועלען זיין עפּעס איבערנאַטירליך קלוג, אַז איך זאָל דיר קענען געבען צו פערשטעהן, אַז דו קענסט מיין גליק ניט שטערען, אָבער דו קענסט מיך אָבער מעהר ניט גליקליך מאַכען, איך בין שוין צו ייט אַעק פון דער נאַיוויטעט, אַז איך זאָל ניט פערשטעהן וואָס ס׳איז גוט פאַר מיר... דאָס לעבען האָט מיך שוין גענוג אויסגע־

לערענט צו זיין אינדיווידועל. און מיר אליין פעראינטערעסירט און וויסען וואס פאר מיר איז גוט.

אט האסטו, האב איך ערשט אליין דיך געטאדעלט פאר דיין עגאיזם און אליין בין איך אויך א גרויסער עגאיסט... אמת! איך בין עס! איך בין עס! און איך וויל עס זיין!

דער גרויסער האלענדער מאלטעלמולי האט געזאגט: א מענש וועלכער בעקלאגט זיך אויף יענעם'ס עגאיזם, איז אליין אויך א גרויסער עגאיסט. אט אזוי בין איך אויך... דאס לעבען האט מיך דאצו געשטויסען...

ליעבע! איך וואלט נאך מעהר געשריעבען, האט זיך מיר אבער אנגעפאנגען דאכטען, אז אפשר איז גאר א שאד די טינט מיט'ן פאפיר... עס פרעגט זיך, וואס וועט זיין דער סוף מיט דעם שרייבען?

איך וועל דיר דעם בריעף ניט שיקען ביז איך וועל ניט האבען קיין ענטפער אויף מיין פריהעריגען, איך וויל אבער אויך וויסען, צי דו וועסט מיר מיינע בריעף אפשיקען.

איך וויל נאך עטוואס בעטען ביי דיר, עס אינטערעסירט מיר זעהר צו וויסען, האסטו מיר געשריבען, ווייל ביי דיר אין הארצען איז שוין גאר ניטא פאר מיין נשמה?...

ביי מיר ליגט שוין זייט א יאהר צייט א בוך, וועלכען איך וואלט וועלען, אז דו זאלסט איהם לעזען, נאר ניט דורכלאזען קיין איין ווארט, אבער לעזענדיג דעם בוך, מוזטו פערגעסען אין דיין אייגענעם איך, אזוי ווי איך האב געטהאן, און ווען איז דעם בוך וועסטו גאר ניט געפינען, אז דיינע עגאיסטישע פאנטאזיען און דיינע קראנקע חלומות זאלען ווערען געזונטער, וועל איך דיר שוין אודאי ניט קענען העלפען, מיר האט דער בוך געבראכט פון

יצחק פאדראסקי

טויט צום לעבען; איך וואלט זעהר צופרידען געווען, אז איך וואלט איהם פאר דיר געקענט לעזען, איך קען איהם שוין אויסענ־ווייניג, פערשטעהט איך אבער אז איצט איז עס שוין אונמעגליך... נאר איך בעט דיך דו זאלסט איהם היטען, ווייל ער איז ביי מיר א היילינגטום...

אויב לעאן וועט וועלען מעג ער דעם בוך אויך לעזען. ס'וועט איהם פיעל גוטעס טהאן.

איך ווינש דיר גוטעס.

דיין פערשטויסענער.

פיערטער בריעף

טייערע!

איך בין אנטלאָפען פון דיר!

האָט עס דען אנדערש געקענט זיין? איך האָב א פּאָר מאָל די גאַסען־באַהן געביטען ביז איך בין אין פּאַרק סאנקלוי געקומען.

די פרישע פּאַרק־לופט און דער ריח פון די רויזען האָבען מיך פער'שכור'ט: איך בין ווי אין א חלום געגאַנגען, כ'האָב ניט געוואוסט, וואו איך גיי, נאָר געגאַנגען בין איך אלץ ווייטער און ווייטער; כ'האָב דערהערט די פויגעלעך זינגען, זשאַבעס קוואַקען, נעבען א קליין טייכעל בין איך געבליבען שטעהן, כ'האָב זיך געוואָלט צוהערען צו די סודות פון די פּאַרק איינוואוינער, כ'האָב אָבער גאָר ניט פערשטאַנען, בין איך ווייטער געגאַנגען; נאָר זייענדיג שוין מיעד, האָט עפּעס ווער טיעף אין מיין נשמה געפרעגט: וואו לויפסטו?

איך האָב זיך אָבגעשטעלט און געדענקט האָב איך, אז אַט באַלד קומסטו. יעדע פערבייגעהענדע פרוי האָט מיך געמאַכט ציטערען, ס'האָט זיך מיר אלץ געדאַכט, אז דו ביזט עס: אָבער אומזיסט, דו מיין געליעבסטע ביזט נ י ט געקומען.

דערמאָנענדיג זיך אין דיין בריוועל, האָב איך עס גענומען לעזען, כ'האָב זיך אוועקגעזעצט אויף א באַנק צווישען די מאַגנומענטען, איך וועל וואַרטען פאַר דיר... כ'האָב זיך ארומגעקוקט,

דערקענט אז דאס איז דאס ארט, אבער דו מיין געליעבטע ביזט ניט געקומען!

קענסטו פערשטעהן וויפיעל איך האב דאמאלס אויסגעליטען אויף דיר ווארטענדיג... א ים מיט געדאנקען האבען זיך געוועבט ווי א נעץ אין מיין מוח:

אפשר איז דאס קינד קראנק? אדער זי וויל זיך שוין גאר איינגאנצען מיט מיר זיך ניט זעהן?...

אך! ווי געמאטערט האבען מיך דאמאלט די פראגען! כ'האב געטראכט, געטראכט, אזש מיין קאפ איז געווארען מיעד פון אזויפיעל נאכצודענקען.

איך האב צוזאמענגענומען מיינע קרעפטען, און איך האב זיך געלאזט אין דער ריכטונג פון וואנען איך האב געדענקט, אז דו וועסט קומען. געהענדיג אזוי פערטראכטערהייט, האב איך פון גאנץ ווייט בעמערקט, פון צווישען די ביימער, געהענדיג א פרוי מיט א קינדער־וועגעלע; — אט געהט זי, מיין געליעבטע, מיט איהר קינד! האט עס מיט פרייד אין מיין נשמה געשריגען, וואס נעהנטער איך בין געקומען צו דיר, האב איך זיכערער געפיהלט, אז דו ביזט עס... מיין הארץ האט מיך ניט אבגענארט, דו ביזט עס געוועזן, אבער צוקומענדיג גאר נאהענט צו דיר, האט מיין הארץ אנגעהויבען ציטערען, פאר פרייד און שרעק צוזאמען, האב איך דיך דאך שוין אזא לאנגע צייט ניט געזעהן!...

— טייערע! האט זיך ווי אויטאמאטיש פון מיין פערבענקט הארץ ארויסגעריסען, — וואס איז די אורזאך פון דיין פערשפעטיגען? וואס מאכסטו?ביידע פראגען האב איך כמעט געפרעגט צוזאמען. אונזערע ביידענס אויגען האבען זיך ארונטערגעלאזען. א ווייל האבען מיר ביידע געשוויגען.

דערנאָך האָסטו פלוצלינג געענטפערט:

— זעהסט ניט וואָס איך מאַך? אַט לעב איך! מיר האָבען זיך ביידע אַנגעקוקט און ווידער געשוויגען.

דו האָסט דאָס שווייגען איבערגעריסען:

— באָרים; — האָסטו שטיל מיין נאָמען געזאָגט, — זעה מיין קינד, ווי קלוג ער איז... ער איז מיין גאַנצער לעבען; מעהרער קיינעם האָט איך ניט אויף דער גאַנצער וועלט!...

דאָס האַרץ מיינס האָט אַנגעפאַנגען האַסטיגער צו קלאַפּען. אַט פאַנגסטו שוין אָן מיט שטעך־ווערטער. איך האָב געשוויגען ביז מיין האַרץ איז רוהיגער געוואָרען. איך האָב פלוצלינג צו דיר געזאָגט:

— טייערע, — רעד עפּעס צו מיר.

און דו האָסט מיט א סאַרקאַזים געענטפערט:

— וואָס זאָל איך רעדען? איך בין גליקליך... מיר איז גוט!...

מיר האָט דיין סאַרקאַסטישער טאָן וועה געטהאָן. — וואָס האָסטו געשריבען, אז איך זאָל קומען? האָב איך געפרעגט. דו ווילסט זיך מיט מיר זעהן, מיט מיר רעדען, ווייל אין א בריעף קענסטו ניט אַליץ אַרויסשרייבען וואָס ביי דיר איז האַרצען האָט זיך צוזאַמענגעקליבען... טו פאַר וואָסזשע רעדסטו ניט? רעד, טייערע, רעד! זאָג וואָס דו האָסט צו זאָגען!

— איך האָב ניט וואָס צו זאָגען ווען איך זעה דיר! האָסטו שטיל געענטפערט, — אַליץ וואָס איך האָב דיר געוואָלט זאָגען, איז פון מיין מוח פערשוואונדען... איך האָב צו דיר גאָר ניט!

איך האָב א ווייל געקוקט אויף דיר, איך האָב געוואָלט דערגעהן דעם סוד, וואָס ביי דיר אין האַרצען איז בעהאַלטען גע־

ווען און קוקענדיג דיר טיעף אין די אויגען, האב איך ווידער גע־פרעגט:

— זאג מיר טייערע, פאר וואס פערשטעהסטו ניט מיינע בריף? פאר וואס דענקסטו, אז איך קען ניט מיטפיהלען דיינע שמערצען? איך בין דאך ניט דו, דו ווילסט מיר ניט פערשטעהן!

דו האסט זיך אביסעל פעשרעהמט און האסט ניט געענט־פערט!...

איך האב ווייטער גערעדט:

— איך בין געקומען, ווייל איך האב געוואוסט, אז מיר וועלען דא זיך טרעפען טיעף אין וואלד, צווישען געדיכטע בוימער, קיינער וועט אונז ניט שטערען, מיר וועלען פריי אפאטעמען, מיר וועלען זיך קענען פריי ערקלערען די מיספערשטענדענישע און בעשולדיגונגען, וועלכע דו האסט מיר אין דיינע בריעף געשרי־בען... קענסטו שוין פערשטעהן, וואס מיר האט געטריבען צו קור־מען זיך זעהן מיט דיר? אין דיין לעצטען בריעף האסטו מיר גע־שריבען גאנץ ערנסט:

„ווען דו וואלסט מיר געקענט אלעס דערצעהלען דיינע שמער־צען און ליידען פון דיין איצטיגען לעבען, וואלט מעגליך געווען, אז איך זאל דיך פערשטעהן, אבער העלפען דיר וועל איך ק י י נ מ א ל ניט קענען..." נו, בין איך געקומען! דערצעהל מיר אלץ, וועל איך דיך פערשטעהן; וועל איך אפשר דיר קענען העלפען, איך וועל אלץ טהאן וואס וועט נאר מעגליך זיין, אבי דיר זאל גרינגער ווערען, איך וויל זיך טיילען מיט דיינע שמער־צען... גלויב מיר, אז איך מיין עס מיט מיין גאנצער נשמה; זיי ערענסט און זאג מיר אלעס! זאג וואס נאר ביי דיר אין הארצען איז, עס בלוטיגט מיין נשמה פאר וואס דו ליידסט אזוי פיעל,

איך וויל ניט אז דו זאלסט ליידען דיין גאנצען לעבען און דענ־קען, אז איך בין גליקליך...

דו האסט געשוויגען.

— פאר וואס שווייגסטו? האט זיך ביי מיר ארויסגעריסען מיט א ביטערניש, דענקסטו טאקע, אז איך וועל דיר ניט פער־שטעהן?

— איך דענק איצט גאר ניט! האסטו שטיל־טרויריג געענט־פערט און האסט זיך צעוויינט.

— וואס וויינסטו? האב איך געפרעגט, איך בין געקומען זיך טיילען מיט דיר מיט דיינע שמערצען... פארוואס ביזטו ניט ערענסט? פאר וואס פייניגסטו אזוי מיזעראבעל מיין נשמה? דו מאכסט אונז ביידע אונגליקליך! ווען דו זאלסט מיר אלץ זא־גען, וואלטען מיר זיך מעגליך ביידע בעפרייט פון די ליידען אין וועלכע דו אליין ביזט שולדיג, דו ווילסט זיך ניט בעפרייען!.. און אפשר פיהלסטו זיך זינדיג און ווילסט אבקומען פאר דיינע זינד? ווילסט אפשר ווערען א „מאריע—מאגדאלענא“? אבער איך פיהל זיך ניט זינדיג, פאר וואסזשע ווילסטו, אז איך זאל ליי־דען? זאג עפעס! דיין שווייגען טהוט מיר וועה! פאר וואס קוקסטו אויף מיר אזוי פערצווייפעלט? איך בין דאך דערזעלבער וואס אמאל! דיין פריינד, וועלכער האט דיך אזוי שטארק גע־ליעבט!... וואס קוקסטו אויף מיר אזוי מאדנע מיט דיינע שוואר־צע אויגען, אזוי ווי דו וואלסט וועלען מיין נשמה מיט בלוט פער־גיסען? עס קומט מיר דאס ניט! איך בין ערענסט צו דיר! זאג מיר נאר וואס דו פערלאנגסט פון מיר, איך וועל טהאן פאר דיר!... איך בין ניט געקומען אהער דו זאלסט מיך פייניגען. איך האב אזוי אויך גענוג צרות!

רעד עפּעס! אז ניט געה איך אוועק און דו וועסט פון מיר שוין ק י י נ מ אָ ל ניט וויסען! פאַר וואָס וויינסטו? דו דענקסט דיר זיכער, וואָס פאַר אַ מערדער איך בין דאָס; אָבער זיך אַליין מוזטו אָבער אויך קענען:—...

טייערע, איך וועל מוזען אויפמישען אַ קאַפּיטעל פון אונזער פערגאַנגענהייט:

איך האָב זיך פערליעבט אין דיר, אָבער דו אין מיר ניט ווייניגער; הימלישע פאַנטאַזיעס האָבען זיך אַריינגעוועבט אין אונזער ביידענס לעבען און אונזערע נשמות האָבען געלעכצט איי־נע נאָך די אַנדערע. ס'איז גאָר קיין ערדישע ליעבע ניט געווען, נאָר ווי עפּעס צוויי מלאכים וואָלטען זיך אין אַ גן־עדן־וועלט בע־געגענט... איך האָב געדענקט, אַז מיין ליעבע צו דיר וועט זיין פּונקט אַזוי ווי צו מיין פרוי און קינדער... איך האָב עס אויך פון דיר ערוואַרטעט, אָהן אייפערזוכט, אָהן אינטריגעס, אַזוי ווי די לעגענדאַרישע מלאכים־ליעבע, אָהן קנאה... ביידע גלייך, איינער ניט גרעסער און ניט בעסער פאַר'ן צווייטען...

האָב איך אָבער אַ טעות געהאַט, אויף דער ערד דרעהען זיך ניט קיין מלאכים אַרום, וועניגסטענס ביזט ד ו עס ניט... איז נאָר דאָס פאַנטאַסטישע פערשוואונדען, האָסטו אַלץ פערגעסען, ביזט געוואָרען אייפערזיכטיג, דו האָסט געוואָלט, אַלץ וואָס איז נאָר אונטער דער זון פערהאַן. דיין „איך“ איז ביי דיר גרעסער געוואָרען ווי אַ צווייטענס, אַנדערע זאָלען דיך בעדינען, דיר צו־שטעלען אַ פיס־בענקעלע...

נו, בין איך שולדיג אין דעם, אַז ס'איז ניט אַזוי? איז דען אַ צווייטענס ליעבע ניט אַזוי גרויס ווי דיינע?...

זאָג עפּעס! רעד! שוויינ ניט! מיר טהוט עס וועה; אפשר

קיהלסטו דיר מיט דעם דיין נשמה?... אבער דו זאגסט נאך אלץ, אז איך האנדעל מערדערליך געגען דיר... צו וואס דארף איך זעהן דיינע טרעהרען, אז איך פערשטעה זיי ניט; פאר וואס ווילסטו ניט איך זאל וויסען פאר וואס דו וויינסט? אט ווערט שוין שפעט, די זון איז שוין כמעט פערגאנגען, אט קומט די נאכט, באלד דארפסטו שוין אהיים געהן מיט'ן קינד, אבער דו האסט נאך קיין ווארט ניט גערעדט, פאר וואס ביזטו ניט אפענהערציג און ערענסט אזוי ווי צו א פריינד, צו אן אמת'ן פריינד?

איינגע'עקשנ'ט האסטו געענטפערט: אז דו ק ע נ ס ט ניט רעדען; דו האסט ניט ו ו א ס צו רעדען!..

ווידער האבען מיר ביידע געשוויגען. איך האב ווידער דאס שווייגען אונטערבראכען:

— זאג מיר, טייערע, האב איך געפרעגט, איז עס טאקע אמת ווי דו האסט מיר געשריבען, דו האסט טאקע פערברענט מיינע בריעף? צי האסטו נאר געוואלט מיך דערצארנען, כדי איך זאל זיך פיהלען אונגליקליך?

דו האסט ניט געענטפערט. דיין שווייגען האט מיין הארץ צום איבעריגען צעבראכען, איך האב ניט געוואוסט וואס איך זאל טהאן... וואלסטו וועניגסטענס א פאר ווערטער געוועזן געזאגט. וואלט אפשר אויף מיין נשמה לייכטער געווארען, דו האסט אבער געשוויגען...

מיט א שווארצען וואלקען איז די נאכט אנגעקומען, ערגעץ וייט צווישען געדיכטע בוימער, אייגזאם, אהן מענשען, האב איך דיך געמוזט פערלאזען, איך האב שוין מעהר ניט געקענט דיין שווייגען פערנעהמען... איך בין אנטלאפען אפילו דיר ניט זאגענדיג קיין „זיי געזונט". מיין הארץ איז געווען פערפולט מיט

יצחק פאדאראסקי

ביטערקייט. איך האב ניט געקענט פערשטעהן דיין שווייגען... אט דאס איז געווען דאס גרויס ערווארטענדע גליק וואס דו האסט פאר מיר פארבערייט, מיט מיין זעהן זיך מיט דיר...

איך האב זיך אבער דערנאך בעדענקט, אז איינגאנצען פערלאזען דיך, טאר איך ניט, אפשר וועל איך נאך קענען עפעס ראטעווען פון דיין רייכער נשמה וועלכע איז אזוי פיעל פערארעמט געווארען.

דיין אנטלאפענער.

פינפטער בריעף

טייערע !

דיין לעצטער בריעף האט מיך פון פיעל שמערצען פריי ג־ע מאכט, פון דיין פרעכהייט, וועל איך זיך דעם לעבען ניט נעמען : מיר קומט איצט אוים לעבערליך פאר וואס איך האב עס אפשר אמאל געטראכט...

איך דאנק דיר זעהר, וואס איך האב דיך איצט דערזעהן אין דער ריכטיגער פארב. איך האב דיך ענדליך דערקענט און איך וועל שוין דורך דיר מעהר ניט ליידען.. איך וועל שוין מעהר ניט ליידען... איך וועל שוין מעהר ניט שכור'ען צוליעב דיר... ניט קור־קען מעהר אויף די באהן־שינעס.

איך בין געווען פעסעמיסטיש, מיזאנטראפיש, קיינער האט ביי מיר קיין ווערט געהאט, אלץ צוליב דיר..

דו האסט געזאגט, אז איך בין גליקליך צוליעב דיר... און אין דיינע ליידען בין איך שולדיג.

איצט אבער איז אלץ אנדערש געווארען, דער משוגעת האט אויפגעהערט... און טאקע דו אליין האסט מיינע אויגען געעפענט... אבער מיעד בין איך, פערמאטערט פון דיין פייניגען מיר אזוי לאנג !

באפוץ ניט מיין נשמה מיט ווילדע בלומען פון האס און שענ־דונג...

דו האסט א טעות, טייערע, דיין האסען, שענדען און זיד־

לען מיר, מאַכט מיר אַלץ גרינגער אַריבער צו טראָגן די ליידן....
ווי מעפּיסטאָפעל פון געטע'ס פויסט, זאָגט: „איך בין פון יענע קראַפט, וואָס תמיד דאָס שלעכטע וויל און גוטעס שאַפט", דו האָסט ניט ווילנדיק גענומען אויף דיר אַ מעפּיסטאָ־טייוועל ראָלע...

איך האָב געוואָלט קומען צו דיר, איך האָב נאָר געזוכט אַ געלעגנהייט דערצו, אָבער פּלוצלינג האָב איך דיין בריוו דערהאַלטן...

מיט כעס, צאָרן און האַס אויף מיין נשמה, עס וואָלט טאַקע ניט מער אויסגעקומען, נאָר זיך דאָס לעבן צו נעמען. איך האָב דיך אָבער אויסגעלאַכט, ניט איינמאָל האָב איך פון דיר געלאַכט!...
איך האָב פיעלע מאָל דיינע בריוו ניט געענדיגט לייענען, דו האָסט אַ טייוועל אין דיר, בין איך שוואַך געווען, האָב איך מורא געהאַט פאַר דעם טייוועל אין דיר. אָבער איצט בין איך שטאַרק גענוג און איך האָב פאַר איהם קיין מורא ניט!

טייערע, מיש דורך די אַלע בלעטלעך פון דער פערגאַנגענהייט זייט מיר האָבן זיך דערקענט:

האָסטו נאָך דיין מאַן ניט געהאַט, האָסטו שטענדיג געוויינט פאַר מיר, איז איך גיב דיר צו ווייניג ליעבע... האָסטו דיין מאַן געקראָגן, האָסטו געוויינט, אַז דו ביזט אונגליקליך, די אייפערזוכט איז ביי דיר געוואָרן שטאַרקער, מיינענדיג, אַז איך בין גליקליך מיט מאשע...

איז דיין קינד געבאָרן געוואָרן, האָסטו געליטן, ווייל איך האָב ניט ליעב דיין מאַן און דיין קינד, האָסט אַמאָל אויך געוואָלט, אַז איך זאָל דיין קאַץ אויך ליעב האָבן...
דו האָסט געליטן, פאַר וואָס דו האָסט פון מיר קיין קינד

ניט געהאט, וואלסט דו דאך געהאט א מאראלישען שטריק אויף מיר: כדי מיך שטענדיג צו שטיקען.

עס האט דיך פערדראסען, איך אבער האב ניט געוואלט אינ־גאנצען זיך איבערגעבען דעם טייוועל אין די לאפעס; איך האב זיך ניט געוואלט אריינווארפען אינגאנצען... אט טאקע דאס מאכט דאך דעם געוואלדיגען קאנטראסט צווישען מיר און דיר...

דו האסט פערלאנגט, אז איך זאל מעהר קיין איינענעם „איך" ניט האבען, טהאן וואס דו הייסט, פאלגען דיין בעפעהל, פאר דיר איז עס טאקע ניט געווען נאריש... איך האב זיך אבער ניט פערלארען, דיינע געדאנקען האבען מיך ניט פערפיהרט.

הערסט? אפשר וואלטען מיר געפונען אן אויסוועג, מיר זא־לען זיך ביידע בעפרייען פון דעם טייוועלס מאכט... וואס דארפען מיר זיך זידלען, האסען איינער דעם צווייטען? איך האס דיך און האב דיך פיינט אזוי לאנג, ווי איך זעה ניט דיינע אויגען. קוק איך אבער אין זיי, פערגעס איך אלץ, איך זעה ווי דיינע בא־קען ברענען, דיינע אויגען לעבערען דורך מיין הארץ מיט ליעבע און לוסט... איך וויל דאמאלט דו זאלסט מיר עפעס זאגען, און ווען איך בעט זיך ביי דיר: רעד עפעס! זאג עפעס צו מיר. אבער דו שווייגסט, דו טרינקסט זיך איין אין מיין נשמה און נאגסט דארט ווי א וואמפיר...

פסיכאלאגיש צו ערקלערען דאס, בין איך געקומען צו דעם גע־דאנק, אז אפשר זיינען מיר ביידע ניט שולדיג. נאר ערגעץ אויסער אונז, זיצט א טייוועל, ער לאכט פון אונז, מאטערט און פלאגט אונז און דורך אונז מאכט ער ליידען אויך פיעל אנדערע נשמות...

לאמיר ביידע ווערען שטארק גענוג און בעזיגען דעם טייוועל... וועלען מיר פון די אלע מאטערנישען פטור ווערען.

יצחק פאראראסקי

מיר וועלען זיך צעפאהרען, וועט דער טייוועל ניט מעהר קיין כוח האבען אונז צוזאמען צו פיהרען.

אזוי צו לעבען איז מיר שווער. צו מאטערען זיך האב איך שוין קיין כוח ניט!

טייערע, זיי שטארק געזונד און פאלג דאס וואס איך זאג דיר!... איך דענק היינטיגע וואך צו זיין ביי דיר, ווען וויים איך ניט. בעסער לאז מיר וויסען, ווען די צייט איז גינסטיג, וועל איך קומען צו דיר.

דיין בארים...

זעקסטער בריעף

טייערע !

שוין לאנג ווי איך ווארט אויף א בריעף פון דיר. וואלט איך נאר האבען די מעגליכקייט, וואלט איך זיין ביי דיר...

קענסט מיר גלויבען, טייערע, אז איך וואלט דיר אויך וועלען זעהן. ניט ווייניגער ווי דו מיך. אבער ניט אלץ איז ווי דער מענש וויל. דאס לעבען איז אזוי קאמפליצירט, אזוי נידערטרעכטיג גלייכגילטיג צו סמענשען'ס וואונש, אז אפטמאל וויל זיך אט פון דעם לעבען רייסען שטיקערווייז און עס ערגעץ אוועקווארפען. זאל עס זיך ארומוואלגערען. סיי ווי סיי טרעט מען דארויף מיט שמור־ציגע פיס... ס'איז שוין אזוי ; דאס לעבען איז א להכעס צו מענ־שען, אדער פערקעהרט, דער מענש פערשטעהט ניט ווי אזוי צו לעבען...

איך קען ניט קומען צו דיר ! אזוי בעפעהלט די גרויסע דומ־הייט וואס רופט זיך לעבען...

טייערע ! פון דיין לעצטען בריעף האב איך פערשטאנען, אז דו ליידסט, ווייל דו פערשטעהסט מיר ניט. דו דענקסט, אדער צווינגסט דיך צו דענקען, אז איך בעהאנדעל דיך שלעכט, פאר דיין גוטסקייט וואס דו האסט מיר אמאל געגעבען.

ווען דו ווילסט אזוי פארשטעהן, קען איך דיר גאר ניט העל־פען ; דו אליין האסט צו דעם פלאנטער געברענגט. איך וואלט דיר וועלען איבערצייגען מיין ערנסטקייט און דיין פאלשער געדאנקען

גאנג וואָס דו האָסט געגעבן מיר. וואָלט איך נישט געוועזן פארבונ־דען מיט נאָך נשמות, וואָלט איך זיכער ניט געלאָזט דיך זיין אזוי...
פון דיינע אייגענע, ניט ריכטיג דורכגעטראכטע מחשבות ביזטו פארפיהרט, דאָס מאכט דיך צום ליידען אזוי פיעל; העלפען דיר. ק ע ן איך ניט!...

טייערע, זוך אליין צו בעפרייען זיך פון דעם לאבארינטישען עגדאנקען־נעץ וואָס דו האָסט צוזאמען געוועבט; אמת, מען דארף שטארק זיין צו אזא טהאָט, אָבער אום גאָטעס ווילען! ביזטו שוין אזוי שוואך, אז דו קענסט זיך שוין פון דיין חלום־נעץ ניט אליין ארויספּלאָנטערען? וואָס זשע קען איך שוין טון, אז איך וויים ניט וואו ערגעץ דער אָנפאנג פון פּלאָנטער איז?...

אָט האָב איך ווידער געוואַרט איך זאָל אַ צווייטען בריעף פון דיר קריגען. דער פּאָסט־שליח האָט מיר דעם בריעף געבראכט.

דו שרייבסט:

„באָרים! איך האָב שוין לאנג געוואָלט דעם בריעף אייך שי־
„קען, נאָר איך האָב געוואַרט. פאר וואָס איך האָב געוואַרט? ווייס
„איך ניט. קען איך שוין עטוואָס גוטעס פון אייך ערוואַרטען?

טייערע! קענסטו מיר אפשר זאָגען, וואָס ביי דיר הייסט גו־טעס? איך ווייס שוין לאנג ניט פון קיין גוטעס, דאָס גוטע וואָס איך האָב איצט אליין קען איך דיר אויך געבען...

איך לייען ווייטער דיין בריעף.

יעדער וואָרט שטעכט מירווי מיט א שפיז. יעדער געדאנק איז ווי א מעסער וואָס שניידט מיין הארץ.

וואָס זאָל איך דיר ענטפערען? נאָר בלויז איין וואָרט קען איך דיר זאָגען: דו ביזט אייפערזיכטיג!

ענדיגענדיג לייענען דיין בריעף, בין איך פערשטיינערט גע־ווארען... וואס זאל איך ווייטער מיט דיר טון?

איך האב דעם בריעף א צווייטען מאל גלייענט. איך האב אנגעפאנגען פיהלען בעסער. ער איז מיר געווארען אינטערעסאנט... פאהרענדיג אהיים אין אווענט, האב איך איהם געלייענט א דריי־טען מאל:

ווי פאעטיש די שטעבענדיגע ווערטער קלינגען דארט...

פאעזיע? ! כא־כא־כא ! האב איך צו זיך אליין געלאכט, ווי אלץ קאן פאעטיש קלינגען !

איך בין געקומען צו זיך, האב אנגעפאנגען דענקען גאנץ אייג־פאך פראזייעאיש ; וואס איז מיט מיר? האב איך זיך געפרעגט. וואו איז מיין שטארקער גייסט? וועל איך טאקע ניט קענען איהר איינהאלטען, זי זאל זיך ניט וואלגערען אין רינשטאק?

איך בין קראנק, צעבראכען, איך עס ניט, קוים וואס איך שלעפ זיך אויף די פיס. צוליעב וועמען? צוליעב די געטין פון מיין אמאַ־ליגע ליעבע?...

האב איך אבער פעסט ענטשלאסען: ניין! איך וועל שוין מעהר ניט ליידען! גענוג פערזוכט פון דעם ביטערען קוואל!

דו האסט מיינע בריעף פערברענט, ווייל דו גלויבסט מיר ניט וואס איך שרייב.

מיט האס ענדיגסט דו דיין בריעף צו מיר, איך האב זיך שלעכט געפיהרט געגען דיר... לעכערליך, נאריש, דו אליין האסט געברענגט דערצו, ווילסטו עס אויף מיר ארויפווארפען...

איך עקזיסטיר שוין ניט פאר דיר. דאס וואס איך שרייב דיר, איז ניט מיין איינענער ווילען, נאר ווי אזוי מען הייסט מיר, אזוי שרייב איך... וואו האט זיך גענומען צו דיר אזוי־פיעל נביאות.

יצחק פאדאראסקי

איך פרעג דיר, טייערע, לייד איך ניט אומזיסט צוליעב דיר ?

איך גלויב, אז דו וועסט שוין בעסער ניט ווערען. דיין לעבען, וואס דו האסט אליין פערפלאנטערט, וועט דיך שוין ניט לאזען זיין גוט ; איך וועל שוין מעהר ביי דיר ניט בעטען, דו זאלסט מיר גלויבען. ביי א טייוועל קען מען קיין גוטעס זיך ניט דערבעטען און איך וויל צוליעב א טייוועל, מיין לעבען ניט פערלירען.

איך בין ניט שולדיג, וואס לייענענדיג מיינעם א בריעף, האסטו געוויינט, פון לאנג וויים איך שוין, אז וויינען איז ביי דיר זעהר לייכט, טרעהרען פארגיסען איז א קלייניגקייט ביי דיר. דער טייוועלשער אייפערזוכט איז דאמאלס דיר אין קאפ געווען : אויך מאשע איז ניט בעסער. האט זי מיינע נאטיצען געלייענט, איז זי באלד משוגע געווארען. זי האט געוואלט זעלבסט מארד בעגעהן.

אלע זייט איהר אזוי. איהר פערשטעהט מיר ניט ! ווער זשע ליידט פון אייער ניט פערשטעהן ? צום סוף ביידע, אז איהר זייט די קרבנות צוליעב מיין לעבען : איך לעב גליקליך !

ניין, טייערע, איך האב שוין די האפענונג פארלארען, אז דו זאלסט ווערען דאס, וואס מען רופט מענש. ווען דו קענסט עס יא ווערען, דאן זאלסטו עס בעווייזען ! ! !...

דיין פערצווייפעלטער...

זיבעטער בריעף

טייערע !

איז דאָס אמת, אַז דאָס האָבענדיג מיינע בריעף און האָסט זיי ניט פערברענט ? ווי וואָלט איך זיי שוין וועלען זעהן ! מיר גלויבט זיך עס קוים !

טייערע, זעצענדיג זיך שרייבען דיר דעם דאָזיגען בריעף, האָט זיך ווי א ווירבעל אין קאָפּ אָנגעפאנגען מישען, וואָס זאָל איך דיר שרייבען איצט ? דאַרף איך גליקליך און פרעהליך זיין, אָדער טרוי־ריג און פערצאָרענט ? עס איז שוין אַזוי מיט'ן מענשליכען „איך". ביים סאמע גרונד פון טרויער, קומט א מאָמענט פון פריידענס־אויסגוס און פאַרקערט, ביי דער גרעסטער שמחה קומט די רעזיג־נאַציע און ס'ווילט זיך וויינען...

דו האָסט דאָך אַזוי קרעמעריש געהאַנדעלט מיט דיין נשמה... ווען איך בין געווען ביי דיר, האָסטו דאָך מיט קיין איינציגען וואָרט מיינע בריעף נישט דערמאָנט. איך האָב עס ניט געוואָלט דערמאָ־נען, זעהענדיג ווי גליקליך דו ביזט מיט מיין אַנוועזענהייט ; אין מיר האָט זיך דערוועקט דאָס אַמאָליגע... ווען מיר זיינען נאָך ביידע גליקליך געווען... דיזע ערינערונגען אַקאָרדען האָב איך ניט גע־וואָלט מיט קיין טונקעלען טאָן פערמישען. ערהאַלטענדיג דעם צווייטען טאָג דיין בריעף. דו שרייבסט :

„באָריס ! אין מיין האַרצען איז א גאַנצע איבערקערעניש גע־

„וואַרען. איך מוז דיר דעם אמת זאָגען. איך האָב דיינע בריעף און
„איך וועל דיר זיי אָפּגעבען...

„לייד ניט אזוי פון מיין פרעכהייט... איך וויל דיר זעהן, מיט
„דיר פיעל זאכען רעדען, איך ווייס אָבער ניט צו וועל איך גענוג
„שטארק זיין און אין דיין געגענוואַרט דיר אַלץ זאָגען.

„באַרים ! שוין ניט איינמאָל האָב איך געוואָלט מיט דיר רעד־
„דען. דו האָסט מיר געזאָגט, אז אפשר וואָלט איך אוועקגעפאָהרען.
„אך, ווי לייכט איז דאס מיט'ן מויל צו זאָגען. מיינסטו עס אויך
„מיט דיין הארצען ? איך דענק, אז איצט וועל איך שוין גענוג
„שטארק זיין און מיט דיר אַלץ רעדען.

טייערע ! אַט אזוי שרייבסטו מיר ! איך ערוואַרט דיין שטאַר־
קייט מיט אונגעדולד. וועט עס אָבער ניט פערשווינדען באַלד ?
שעהן איז דאס ליכט פון'ם בליץ, אָבער צו שנעל פערשווינדט עס.
וועט דער זעלבער גורל אויך מיט דיין איצטיגען בעשלוס : „מיר
אַלץ צו זאָגען" אזוי זיין ?

אויב איך וויל טאקע מיט מיין הארצען, אז דו זאָלסט אוועק־
פאָהרען ?

וואָלט איך עס געוואונשען, וואָלסטו שוין לאנג לעבען מיר ניט
געווען... דו וואָלסט דיין מאן ניט געהאט... דו וואָלסט דיין קינד
ניט געהאט...

זעהר פיעל זאכען וואָלטען מיר פערשפּאָרט. מיר וואָלטען ביי־
דע שוין לאנג אונזערע ליידען פערגעסען.

אַט דאס, טייערע, איז מיין ענטפער אויף דיין פראגע און איך
דענק, אז דו פארשטעהסט שוין, וואס ביי מיר אין הארצען טוט
זיך...

ליבסטע ! דו פרעגסט מיך, אויב איך וועל קומען צום קאַנ־

צערט? מיט פרייד וועל איך קומען. איך וויל דיר זעהן! קום! קום! איך וועל דיך דארט ערווארטען.

דיין בארים...

טייערע!

מיט אונגעדולד האב איך זיך צום קאנצערט אוועקגט דערהווארט. ווען איך בין אהין געקומען, איז דער זאל געווען איבערפילט מיט מענשען. די קינסטלער האבען שוין געהאט זייער קראפט פאר אבי־סעל אפלאדיסמענטען און עהרגייץ אויסגעטוישט. דיך האב איך ניט געזעהן. איך האב אנגעפאנגען דיך זוכען אין דער ענגעניש פון די צוהערער. פיעל פון זיי, האבען פאראיבעל געהאט פאר וואס איך שטער זיי די רוה.

אט שטעהט א קינסטלער אויף'ן פלאטפארמע, שפיעלט קינ־סטלעריש פידעל. איך האב זיך א ווייעלע אפגעשטעלט, וועלענדיג טאקע הערען די געטליכע טענער וואס דער קינסטלער האט ארויס־געכושפ'ט פון די סטרונעס. ס'הארץ ביי מיר האט פיבעריש גע־קלאפט. אט קומסטו, אט ביזטו... מיין נשמה האט בלויז נאר דיך געזוכט. איך האב ניט פערשטאנען דעם קינסטלערס טענער־נשמה.

דו ביזט מיר אנטקעגען געקומען. דו האסט מיר מיינע בריעף דערלאנגט. מיר האבען זיך געקושט, געקוקט אין די אויגען, אבער קיין ווארט ניט אויסגערעדט...

מיר האבען ביידע דערפיהלט, אז ניט דא איז דער פלאץ פאר אונז... אין אונזערע הערצער זינגט זיך איצט אנדערע מוזיק. אפשר נאך העכערע, הייליגערע ווי דעם קינסטלערס וועלכער שפיעלט פאר'ן אפלויז...

מיר האבען זיךביידע פון דעם זאל ארויסגע'גנב'עט. אנגע־פאנגען וואנדערען איבער די פאריזער גאסען, זוכען ערגיץ אן ארט, וואו צוויי פערליעבטע נשמות קענען רעדען אונגעשטערטערהייט...
מיר האבען אזא ארט געפונען...

אין א גארטען צווישען בוימער האבען מיר זיך אויף א באנק אוועקגעזעצט. ס'איז געווען שטיל ארום. קיין מענשליכער טריט האט זיך ניט געהערט. אפילו דער ווינט האט ניט געוואגט צו שטע־רען די געטליכע רוהיגקייט...

איך האב געווארט; געווארט אז דו זאלסט אנפאנגען רעדען. מיר זאגען וואס פאר אן איבערקערעניש אין דיין נשמה איז פאר־געקומען...

דו האסט דיין קאפ אראפגעלאזט און געשוויגען. איך האב די שטילקייט געבראכען. ניט קענענדיג מעהר ווארטען האב איך דיר געפרעגט, אט אזוי א גאנץ אונשולדיגע פראגע:

— וואס מאכסטו, טייערע?

דו האסט מיט דיינע שווארצע אויגען מיין הארץ דורכגענומען און האסט געענפערט:

— איך לעב! דו ביזט דאן ווידער אנטשוויגען געווארען. מיר האט זיך געוואלט אויסשרייען: טייפעל אדער מלאך!... פאר וואס רעדסטו ניט ווייטער? פאר וואס מאטערסטו מיין שוין לאנג פער־מאטערטע נשמה? נאך א ווייל שווייגען האסטו ענדליך ווידער אנגעפאנגען רעדען:

— בארים! מיין הארץ ווערט צוריסען פון בענקעניש צו דיר ווען איך זעה דיך ניט א צייט... איך קען מעהר ניט רעדען, בארים! האסטו מיט טרעהרען געזאגט — איך קען ניט מעהר! איך וועל זיך צשוויינען...

א שווארצער וואָלקן האָט זיך פּלוצלינג איבער די בוימער צוגאָסען. מיר זיינען שווייגענדיג געזעסען...

— לאָמיר פערלאָזען דעם גאָרטען מיט דעם וואָלקען, האָב איך צו דיר געזאָגט.

דו האָסט האַרציג דיינע נשמה געפּיהלען מיר ענטפּלעקט:

— דו האָסט פאַר קיין וואָלקען ניט מורא, ווייל אין לעבען האָט שוין גענוג שווארצע וואָלקענס דיין האַרץ אָנגעפילט. דו דאַרפסט פאַרא וואָלקען ניט אַנטלויפען...

— מי רוועלען ווערען נאַס, האָב איך בעמערקט.

— מאָרגען וועט די זון קומען און דאָס נאַסקייט אויסטרוקענען, האָסטו נשמה־פול געזאָגט — אָבער דיר וועל איך מאָרגען מעהר ניט זעהן!... באַרים! מיר איז שלעכט, וואָס זאָל איך טון. כדי די שווארצע כמאַרעס פון מיין לעבען צו פערטרייבען? זאָג מיר עפּעס, באַרים, גיב אַן עצה! איך קען זיך שוין מעהר ניט מאַטערען!... איך האָב דיין נשמה אויסגוס אויסגעהערט און האָב דיר געענטפערט:

— פערלאָז דאָס וואָס מענשען רופען פאַמיליען־נעסט, געה אוועק פון דאָרט, איך וועל אַלץ טון פאַר דיר. אַלץ, וויפיעל מיינע קרעפטען וועלען מיר נאָר ערלויבען...

גלויב מיר, טייערע! אז איך האָב דאָס מיט אמת און פון מיין טיפען האַרצען דיר געזאָגט. אָבער דו האָסט מיט כעס געשריגען:

— וואָס רעדסטו, באַרים? וואָס רעדסטו? וואָס זאָל איך טון מיט מיין קינד? מיט מיין אומגליקליך קינד?

— דאָס וואָס אַלע טון, האָב איך געענטפערט — בעזאָרג עס ביי פרעמדע.

יצחק פאדאראסקי

אט אזוי האט זיך געענדיגט יענער געשפרעך צווישען אונז אין דעם שטילען, ווייטען ווינקעל פון'ם גארטען אונטער א ים פון שווערצע וואלקענס. ס'איז צו גאר ניט געקומען. דו ווילסט דיין אזוי־געראפענעם פאמיליען־נעסט ניט צושטערען, דיין קינד ניט אומגליקליך מאכען...

עס מוז אן ענדע נעהמען צו אונזערע ליידען! מיר מוזען זיך שיידען. פאהר דו אוועק, אדער איך וועל אוועקפאהרען... ווען ניט וועט דער סוף זיין א שלעכטער. צופיעל קרבנות וועלען פאלען צו־ליעב אונזערע געהיימע ליעבעס־געפיהלען...

מיר זיינען צו פריה געבוירען געווארען... די מענשען פער־שטעהן נאך אזא ליעבע ניט... מיר מוזען אונזערע געפיהלען אליין טויטען, אז ניט, וועט די געזעלשאפט, דערוויסענדיג זיך פון אונ־זער געהיימען צוזאמען־לעבען, אונז טויטען...

זיי געזונט, טייערע! אין 10 טעג ארום פאהר איך אוועק! זיי שטארק, וויין ניט פיעל. דאס לעבען האט מיך אויסגעלערענט שטארק צו זיין... לערען דיך פון מיר...

אויף אייביג דיין פריינד...

אכטער בריעף

טייערער!

דעם נעכטינען טאג בין איך גליקליך געווען. מיין קינד איז געווען געזונט. ער האט זיך דעם גאנצען טאג געשפיעלט און איך האב דערווייל די געלעגענהייט געהאט דיר א בריעף צו שרייבען.

טייערער!

איך קען דיר גאר ניט ארויסשרייבען וואס איך האב געפיהלט שרייבענדיג צו דיר. די געדאנקען אין מיין מח זיינען אזוי שנעל געלאפען. איין געדאנק האט נאכגעיאגט דעם צווייטען. פונקט אזוי ווי די קליינע רעדעלעך פון אן עלעקטריק מאשין לויפען נאך דעם גרויסען ראד...

האט זיך אבער די מאשין אפגעשטעלט, בין איך מיער געווען... ניט וויסענדיג אויף וואס פאר א וועלט איך בין...

האב איך פלוצלינג מיין קינדס שטימע געהערט: עס האט גערופען: מאמא... איך בין צום קינד געלאפען און האב עם צום שפיעלען געגעבען.

איך האב זיך ווידער גענומען שרייבען, דעם בריעף ענדיגען. איז שוין נאכט געווארען.

דערמאנענדיג זיך, אז ס'איז שפעט, איך דארף מאכען עסען. אט באלד וועט לעאן קומען פון דער ארבייט.

פערגעסענדיג, אז לעאן דארף באלד קומען, האב איך דעם בריעף אויף'ן טיש געלאזען.

לעאַן איז געקומען און האָט דעם בריעף געפונען. ער האָט איהם דורכגעלעזען און דער גליקליכער טאָג איז מיר צושטערט געוואָרען...

מיט א ווילדען געשריי האָט ער זיך צו מיר געווענדעט:

— וואָס פאַר א בריעף איז דאָס?

איך האָב איהם שטיל געענטפערט:

— ווען דו האָסט געליינט, וואָסזשע פרעגסטו ביי מיר?

אָבער ער האָט ווי א ווילדער ווייטער געשריגען:

— דעם בריעף וועל איך געבען מיינע פריינד, זיי וועלען עס איבערגעבען דיינע פריינד, זאָלען אלע וויסען פון דיר.

איך האָב איהם גאָר ניט געענטפערט. גערעכט מאכען וויל איך זיך ניט. א זינדיגער דארף זיך גערעכט מאכען. איז עס דען א זינד ווען מען וויל לעבען און ליעבען?...

דאָס האָט נאָר א גאָט געזאָגט: „עס ניט פון׳ם עץ הדעת!“ האָט אָבער דער מענש די שעהנע פרוכטען געזעהן, האָט ער גאָט ניט געוואָלט פאָלגען און האָט יאָ געגעסען!

דער מענש איז גרעסער פון א גאָט...

גאָט האָט איהם פון גן־עדן ארויסגעטריבען. איז דען ניט בע־סער צו געניסען און ניט שטענדיג אין׳ם מאָנאָטאָנען גן־עדן צו זיין.

איך האָב איהם ניט געענטפערט.

טייערער! ערגער זיך ניט, וואָס עס זאָל ניט פארקומען, פון אלץ זאָלסטו זיך ענטזאָגען. איך וויל ניט דו זאָלסט מיך פערטיי־דיגען; מיר איז שוין אלץ איינס. איך לייד פון דעם קיין סך ניט...

נאָך אמאָל בעט איך דיך, דו זאָלסט מיך ניט פערטיידיגען.

וועט מיר מעגליך זיין וועל איך קומען צו דיר און דיר אלץ דערצעהלען; זאָלסט ניט פאַהרען, ביז וואנען איך וועל זיין ביי דיר.

דיין ליידענדע.

נײַנטער בריװ

ליבער מאַן!

עטװאָס איז מיר שװער װאָס איך קען ניט פֿאַרשטײן. איך װאָלט װעלן דו זאָלסט עס מיר זאָגן.

איך פֿאַרברענג פֿיל טעג און שלאָפֿלאָזע נעכט, נאָר בלױז דענקענדיק װי אַזױ איך זאָל רעדן מיט דיר. דאַכט זיך, װאָס איז: איך בין דאָך שױן גענוג דערװאַקסן און דאַרף װיסן װי אַזױ צו אַ מענטשן צו רעדן, איז עס אָבער מיר אוממעגלעך; די אורזאַכע װײס איך ניט.

געהט דער טאָג פֿאַריבער. אַט שטעל איך מיר פֿאָר, אַז װען דו װעסט פֿון דער אַרבעט קומען, װעל איך רעדן מיט דיר. איך מאַך מיר פֿאָרמאַלען, װאָס און װי אַזױ איך זאָל מיט דיר רעדן. קומסטו אַהײם װערט אַלץ פֿאַרשװוּנדן.

אַזױ געהן אױך די נעכט פֿאַרבײַ.

די גאַנצע נאַכט ליג איך מיט אָפֿענע אױגן און טראַכט: אַט װעט טאָג װערן און איך װעל דיר אַלץ זאָגן, אַלץ װאָס אױף מײַן האַרצן דריקט, אַלץ װאָס אין מײַן נשמה האָט זיך אָנגעקליבן. דער טאָג קומט און װידער איז אַלעס פֿאַרשװוּנדן: װידער האָב איך דיר ניט װאָס צו זאָגן...

אײן זאַך: אַז מיר איז שלעכט; מיר איז שװער מיט דיר צו לעבן; עס דריקט אַזױ שטאַרק בײַם האַרצן, אָבער װאָס דיר צו זאָגן װײס איך ניט...

איך פערשטעה דיך ניט...

איך וועל פרואווען מיינע געדאנקען צוזאמענטוועבען און וועל דיר א פראגע שטעלען:

דו האסט מיר דיינע געפיהלען פערטרויט, אז דאס וואס אין דיין הארצען האט טיילוויז זיך א ווארימקייט צו מיר געפלאקערט. האט אנגעפאנגען פערלאשען ווערען; דו פיהלסט ניט מעהר דאס. וואס אמאל... אליץ ביי דיר איז אפגעשטארבען. איך גלויב עס דיר! מיט מיין גאנצען הארצען פיהל איך, אז דאס איז אמת! איך האב ק י י נ מ א ל ניט געגלויבט, אז ביי דיר אין דער נשמה איז דא אזעלכעס, וואס זאל אויסדריקען די אמת'ע טריישאפט צו א ליע־בענדע פרוי...

כ'האב אבער שטענדיג געלעבט אין א מין פאנטאזיע, דענ־קענדיג אפשר נאר אין זיך, אפשר איז ניט אזוי ווי איך דענק? ביזטו אליין געקומען און האסט די פאנטאזיע צושטערט, די אי־לוזיע פערוויסט... מיט דעם איינעם קורצען זאץ: „אז ביי דיר אין הארצען איז פאר מיר גאר ניטא" איז דער דמיון פון מיין צווייפעל פערשוואונדען...

וויל איך דיר אבער פרעגען: איז עס ערענטליך פון דיר אז איך זאל איצט ווידער שווענגערען? דארף אונזער לעבען דורך נייע קינדער, נאך מעהר פערפלאנטערט ווערען?

ווען מיר האבען ביידע דעם ראמאן „די זוכער' פון אמת" דורכגעלייענט, זיינען מיר ביידע געקומען צום בעשלוס, אז קינדער דארפען ניט זיין די אורזאך פון שטעלען זיך אין וועג פונ'ם לעבען ביי מאן און פרוי...

מיר דאכט זיך אבער, אז מיר נארען זיך אליין...

ווייל ווען ניט אונזער קינד, וואלט שוין לאנג אונזערע וועגען געווען פארשיעדען...

ווען מען פארשטעהט זיך ניט, קען מען ניט צוזאמען לעבען... האבען מיר פארשידענע געפיהלען, מוז מען זיך שיידען; און טאקע נאר צוליעב אונזער קינד ווער איך אזוי געפייניגט פון דיר...

פון מיין זייט, וואלט איך איצט זיך פון דיר געוואלט שיידען: אבער וואס וועט זיין מיט אונזערע קינדער?

א שטיקעל צייט פריהער, האב איך זיך אנגעפאנגען פיהלען גליקליך, מיינענדיג, אז אין דיין הארצען האט זיך צוריק די אמאליגע ליעבשאפט צו מיר ערוועקט; גלויבענדיג אין דעם, האט זיך מיר געגלוסט, צו ווארפען זיך אין דיינע ארעמס, זיך דארט דערדריקען, איך זאל שוין מעהר ניט דארפען אזוי פיעל ליידען... איך האב עס אבער ניט געטון, ווייל איך האב געוואוסט, אז דערנאך וועלען מיר ביידע דארפען ליידען...

ווי יענער פאעט, וועלכער איז אמאל אין א גארטען געקומען. האט ער זעהר שעהנע בלומען געזעהן וואקסען, אבער די בלומען זיינען געווען מיט דערנער ארומגערינגעלט, די בלומען האבען צו איהם געוואונקען, ער זאל זיי אברייסען, געניסען פון זייער געשמאק, אבער קוים האט ער זיך געוואלט צו זיי צוריהרען, האבען איהם די דערנער צעשטאכען... קיין בלומען האט ער ניט אבגעריסען, אבער זיינע הענט האט ער פון די דערנער צעבלוטיגט...

מיר האט זיך אויך געוואלט פון די בלומען געניסען, האב איך זיך אבער דערמאנט, אז ס'איז דערנער פעראנען, אז ניט איין מאל האבען זיי מיר מיין הארץ צובלוטיגט...

איך האב געוואוסט, אז מיר וועט פערדריסען פאר וואס איך האב גענומען ליעבע פון א מאן וועלכער ליעבט מיך נאר אוים

מיטלייד און איך האב די בלומען געלאזען... זיי זיינען ניט פאר מיר...

דו מוזט מיר זאגען, מיין ליעבער, ווי לאנג וועסטו מיך אזוי מאטערען?

איך האב זיך אויף א מאמענט פארגעסען, די בלומען האבען שעלמיש געווינקען צו מיר... איך האב געדענקט, אז איך וועל קענען די דערנער אויסמיידען...

כ'האב אבער א טעות געהאט... איך האב מיין הארץ נאך מעהר צובלוטיגט... די שטעכערס זיינען טיעפער, טיעפער אין מיין נשמה אריינגעדרינגען...

אין א נאכט פון פארגעסענהייט, האב איך זיך אין דיינע ארעמס געווארפען, אונטער מיין הארצען וואקסט שוין א פרוכט פון דער פערגעסענהייט. דו האסט אבער דיין תאוה בלויז געשטילט. און האסט ווידער געזאגט: אז ביי דיר אין הארצען איז פאר מיר גארניטא...

וואס זאל איך דיר איצט ענטפערען, אז אינווייניג ביי מיר שלענגעלט זיך שוין א נייער קרבן פאר דער צוקונפט...

איז עס גוט אזוי?

דו האסט בעצאהלט פאר מיין ביסעל גליק, א גרויסען פרייז, מיט דער ליעבע פון דיין „יונגער" פרוי (ווי דו רופסט איהר)...

איז דאס ניט טייפליש? דו לאכסט נאך פון מיר... א ווי די דערנער שטעכען! ווי ביטער מיין הארץ איז צובלוטיגט!...

איך זעה אפט, אז דו ווילסט איך זאל דיר ארומנעהמען, איך זאל דיר צו מיין הארצען דריקען!

מיין נשמה ווערט דאן צוריסען פון לוסט צו דיר...

נשמה טרערען

עס וואַלט זיך מיר וועלען די בלומען רייסען... דערמאָן איך זיך אָבער אָן די דערנער: ווי אָפט זיי האָבען מי רשוין מיין האַרץ צובלוטיגט... ! און איך טהו עס ניט...

פאַרשטעהסטו שוין „ליעבסטער“ מיינער, ווי גיהנם'דיג איך לייד ?

זאָל שוין זיין גענוג ! מאַך אַן ענד !

דיין פרעמדע פרוי...

צעהנטער בריעף

פריינד!

פסיכאלאגיש פערשטעהט איך, אז איהר זייט מיר ניט קיין גוטער פריינד, איך וויים אבער אויך, אז די אונפריינדשאפט אייערע, קומט פון אייפערזוכט;

ווען מיר ווילען בעטראכטען אט דיזע ערשיינונג פון אייפער־זיכטיג זיין; מוזען מיר קומען צום באשלוס, אז דאס איז א גאנץ געוועהנליכע זאך אין דעם פערפלאנטערטען ניט נארמאלען לעבען פון דער היינטיגער געזעלשאפט;

דאס לעבען פערלאנגט אויפרעגונג, אויפרעגונג הייסט ליידענ־שאפט, איז דער מענש ליידענשאפטליך מוז ער אויך דיזע ניט נארמאלע ערשיינונג פון אייפערזוכט מיט זיך טראגען. אמת, ס'איז אפשר ניט ריכטיג ביי דער רענעסאנס פון דעם אויפריכ־טיגען ציוויליזירטען מענשען, ווייל ליידענשאפט און אייפערזוכט ערנידעריגט אפט מאל דעם מענשען צום חיה־טיפ. מיר קענען זיך אבער ניט העלפען, מיר מיינען, אז מיר זיינען שוין אויף דער העכסטער שטופע פון ענטוויקלונג, אבער אין דער אמת'ן איז דא מינוטען אין אונזער לעבען, ווען מיר זיינען ניט בעסער פון חיות.

לעבען מיר אבער דאך אין דער איצטיגער צייט און מיר מוזען איהרע קאנזיקווענצען טראגען; אזוי איז עס שוין! איהר זייט בארעכטיגט צו זיין אייפערזיכטיג; טאקע דורך דעם ווייל אלע מענשליכע־חיות זיינען דאס...

אויך ביי מיר איז דא אונפריינדשאפט צו אנדערע. מעגליך ניט ווינציגער ווי אייערע, קוק איך אבער גאנץ אנדערש אויפ'ן לעבן ווי איהר, איך ווייס וועניגסטענס, אז דאס איז ניט פון די בעסטע איינגענשאפטן פון אונזער דא־זיין... איך פארשטעה דאס לעבן גאנץ אנדערש, אפשר וועט איהר עס אויך א מאל פער־שטעהן...

פריינד!

איך וויל אייך אנזאגן א גליקליכע בשורה:

שוין זייט צוויי טעג ווי איך פארנעהם זיך מיט ליקווידירען, טימ אלץ וואס איך פארמאג, מיט מיינע פריינד, מיינע חברים, מיינע בעקאנטע, מיינע אידעאלען און מיין אייגענטום.

אזעלכע ליקווידאציעס קומען שוין ביי מיר פאר צום דריטען מאל.

דאס ערשטע מאל האט מיך די רוסישע רעגירונג געצוואונגען פון אלץ זיך אפצוזאגען.

דאן האב איך אמאל געלעבט אין א קליין ליטוויש שטעדטעל דער לעבן איז דארט געווען אזוי קליינליך און נאריש, טאג־טעגליך איז מען געווען געצוואונגען צו זעהן דיזעלבע מענשען, געהן אין די זעלבע גאסען.. דאס טהעאטער אויך שטענדיג דאסזעלבע. ס'איז מעהר ווי איין טהעאטער ניט געווען. דאס לעבן איז מיר געווארען שערקליך אומעטיג. כ'האב טאקע געהאט גענוג חברים. האבען זיי אבער אנגעפאנגען צו אינטערעגירען איינער אונטערן אנדערען, דורכ'ן עקאנאמישען לעבען, צוליעב ליעבעס אייפערזוכט און אויך צוליעב פארטיי־אנשויאונגען. דאס לעבן איז געווארשי ענג, די מענשען נמאס. ווען מען האט שוין ניט געוואלט זעהן האט מען געמוזט! לענגער האב איך שוין דארט ניט געקענט זיין.

איך האב מיט אלץ ליקווידירט און בין אוועקגעפאהרען אין דער בארימטער וועלט־שטאדט פאריז... דארט וועל איך שוין געפינען א סך בולווארען און א סך טהעאטערע...

אין פאריז האב איך א ים מיט לעבען געפינען. אלץ אזוי אינטערעסאנט! אזוי גרוים און שעהן. איך בין געווארען אן אפטעמיסט.

דער אפטעמיזם האט מיך אזוי הויך געפיהרט, אזש געדאכט האט זיך מיר א, דער הימעל איז נאהענט צו מיר, נאך איין טרעפ און אט בין איך אין גן־עדן.

איז אבער געקומען דאס איינפאכע נארישע לעבען, דאס לעבען וואס ווייסט ניט פון קיין הימלען, און האט מיך געגעבען א שטויס צוריק פון דער שווינדלעדיגער הויכקייט, מיין אילוזירטער אפטימיזם איז צובראכען געווארען...

וואסזשע האב איך געזאלט טון כדי ווייטער צו לעבען? האב איך אנגעפאנגען דענקען וועגען א דריטע ליקווידאציע, נאר בעפאר איך האב זיך אפגעזעגענט מיט מיינע אלע אלטע אידעען האב איך אנגעפאנגען זוכען נייע, כדי צו קענען ווייטער טראגען דעם יאך פון לעבען; איך האב זיך אנגעשטויסען אויפ'ן פעסע־מיזם... דער פעסעמיזם האט מיך באלד אנגעפאנגען לערנען:

„זוך ניט קיין בעסערעס צווישען אט די קליינליכע ברואים'לעך אויף דער ערד, און אפשר וואלט געווען גוט זיך אריבערצוכאפען צום פלאנעט מארס, זעהן וואס פאר א סארט ברואים דארט געפינען זיך? און אפשר קען מען דארט אנפאנגען א נייע אפטע־מיסטיש לעבען? און קיין ליקווידאציעס זאלען ביי מיר שוין ניט מעהר פארקומען...?

דענקענדיג וועגען דעם ווייטען, ווייטען פלאנעט מארס

יצחק פאראראסקי

צו וועלכען ס'איז א ביסעלע צו שווערליך צו צוקומען, האב איך זיך דערמאנט, אז ס'איז נאך דא ערגעץ א שטיקעל וועלט־טייל, ערגעץ א נייע לאנד איבער'ן גרויסען ים. איך האב בעשלאסען צו געהן זוכען דארט א נייעם לעבען, נייע מענשען, מיט נייע אי־דעען א נייעם אפטעמיזם...

דאס איז מיין וידו צו מיין דריטער ליקווידאציע...
מארגען פאהר איך אוועק!

אייער פריינד.

סאָניע

א פּאָר קאַפּיטלאך פון א ראָמאן

1

אין דער מייסטערקאַי אין נ... ווי באָרים האָט געאַרבייט, האָט אויך געאַרבייט סאָניא וואָלקאָף. ווען ער איז אריין דאָרט אַרבייטען דעם ערשטען מאָל, האָט ער זי שוין דאָרט געטראָפען.

סאָניע, איז געווען זעהר א יונגע, שעהנע מיידעל. איהר אויס־זעהן האָט דערמאָנט אין די מערכען האָפטע פּען וואָס די לעגענדען דערצעהלען :

א קנויל גאָלד בלאָנדע לאָקען, האָבען אַרומגענומען א צאַרט ווייס פּנים. פולע רונדע באַקען און טיעף בלויע אויגען.

איהרע פולע רויטע ליפּען, זיינען געווען צויבערהאַפט און א פּער׳כשופ׳טער שמייכעל האָט שטענדיג גערוהט אויף זיי א הויכען, ווייסען שטערען, וועלכער האָט דערצעהלט פון א טיעפען דענקענדען פיהלען. א האַרציג־זיס אַרויפגעשאַרצט נעזעל, וואָס האָט גלייך געקוקט יענעם אין פּנים מיט א פערשאַרטע ליידען־שאַפט. איהרע ליפּען זיינען שטענדיג געווען אין א צושטאַנד, אז ס׳האָט זיך געוואָלט נאָר קושען איהר, האָט זי געשמייכעלט, האָבען זיך אויף איהרע באַקען צוויי פאַר׳כושפ׳טע גריבעלעך בעוויזען.

איהר לאבען האט געקלינגען ווי זילבער גלעקלעך, כאטש זי איז שוין געווען גענוג ענטוויקעלט און האט אין זיך געהאט דעם פאל־שטענדיגען רייץ פון פרויענהאפטעס, האט דאך א צויבערהאפטע יוגענד פרישקייט גערוהט אויף איהר. איהרע יונגע ענוויקעלטע ברוסטען האבען זיך ארויסגעשפארט פון איהר בלוזקע, אזוי ווי צוויי יונגע טויבען פון א בעהאלטענער נעסט. עפעס געהיימניס־פאלעס און רייצענדעס, האט יעדען אויסגעוויזען, איז דארט אונ־טער איהר בלוזקע בעהאלטען, אבער קיינער האט דעם סוד ניט געוואלט דערגעהן, וויל עפעס אן אונבעוואוסטער רעספעקט האט יעדער געפיהלט ווען מען האט די צויבערהאפטע סאניע אנגעקוקט.

איהרע טיעף בלויע אויגען האבען אויף יעדען פריי און אפען געקוקט. האט זי אמאל אינסטינקטיוו געפיהלט, אז איינער קוקט אויף איהר מיט א זינדיגען בעגעהר, האבען איהר ליפען זיך מיט א שמערצליכען טרויער פערצויגען. איהרע גרויסע אויגען האבען א שטעכיגען בליק אויף יענעם געווארפען. יענער האט זיך פאר־שעהמט און דער באגעהר איז פון הארצען איהם פארשוואונדען.

זי האט אויסגעזעהן ווי א פארבלאנדזשעטער מלאך, וועלכען מען האט פון הימעל פערטריבען. זי איז צווישען מענשען געקומען כדי גענוס צו פארשפרייטען.

סאניע, איז שטענדיג געזעסען שטיל אויף איהר פלאץ און געארבייט. אין איהר יונג הארץ, האט אן אונבעוואוסטער פערלאנג זיך א נעסט געמאכט און איז דארט מיט אן אונגעהייערע שנעלקייט געוואקסען...

א צייטיג־געווארענע בלום, וואס האט געדורשט נאך טוי־טראפענס... א רייפע פרוכט, וואס האט געוואלט, אז ס'זאל ווער אריינבייסען...

ווי א כשוף־חלום איז זי צווישען די אנדערע ארבייטער גע־זעסען און האט געווארט... געווארט אויף איינעם, וואס וועט פאר־שטעהן איהר פערלאנג, וואס וועט זיך צוהערען צו איהר בענקען...

סאניע האט געבענקט נאך ליעבע... זי האט געבענקט נאך אזעלכען, וואס וועט איהר ציטיג געווארענע ברוסטען צו זיין הארצען צודריקען, מיט קושען איהר רויט־בריהענדע ליפען לעשען. מיט צארטקייט איהר יונג הארץ דערקוויקען... צווישען די אלע ארבייטער, האט זי קיין איינציגען ניט געפינען וואס זאל פאר־שטעהן איהר דורשט צו לעשען... וואס זאל וויסען וויאזוי איהר בענקעניש און גליק צו פערוואנדלען... אלע אזעלכע פראסטע, שטענדיג פערהארעוועטע, וואס האבען גאר קיין צייט ניט וועגען אזא פערלאנג צו טראכטען. קוקט ווער אויף איהר א מאל, איז דער בליק אין שמוץ און אין זינד אויסגעווייקט... זי דערשרעקט זיך דאמולס פאר אזא בליק... האט זי בענקענדיג געווארט...

איז בארים געקומען און האט זיך געזעצט ארבייטען... באלד ווי זי האט איהם דערזעהן, האט זי דערפיהלט, אז דאס איז דער אין וועלכען זי האט אזוי שטארק געבענקט... א פייעריל האט זיך אנגעצונדען אין איהר יונגע נשמה, און באלד ביים ערשטען מאל זעהען איהם, האט זי זיך פארליעבט אין איהם.

זי אליין האט ניט געוואוסט, ווי אזוי זי זאל עס רופען, נאר געפיהלט האט זי, אז ער איז דער יעניגער וואס איהרע שטילע פערלאנגען האבען אזוי באגעהרט...

געמיינט האט זי, אז ער וועט פארשטעהן, אז אויב ער יועט וויסען, אז א יונגע נשמה לעכצט נאך זיין צערטליכקייט... ניט וויסענדיג אז דעם וואס זי האט געפונען, האט שוין מעהר קיין פריי הארץ ניט, אז ערגעץ נאך אזא מיידעל ווי זי האט שוין פריהער

זיין הארץ געפאנגען... האט זי ווידער געווארט, אפשר האט ער זי אינגאנצען נאך ניט באמערקט!

ס'זיינען אוועק וואכען און מאנאטען, ער האט קיין בעזונדערע אויפמערקזאמקייט איהר ניט געשאנקען, ער האט זי בעטראכט ווי אלע אנדערע ארבייטער מיידלעך, וואס האבען געארבייט אין דער מייסטערקיי...

ניט וויסענדיג פארוואס, האט סאניע געליטען און געשוויגען. זאגען איהם ווי היים זי באגעהרט נאך זיין ליעבע, ווי שרעקליך זי בענקט נאך זיינס א צערטליך ווארט, האט זי ניט געוואלט, זי איז געווען פון יענע שטאלצע פיגורען, וואס קענען ניט זאגען וואס זייער הארץ פערלאנגט... זאל זי אפילו אויסגעהן פאר בענקעניש וועט זי ניט זאגען א מאן, אז זי האט איהם ליעב...

באריס איז אוועקגעפאהרען, געוואוסט האט סאניע, אז ער פאהרט זיך שטעלען צום פריזיוו. געפיהלט האט זי, אז זי האט איהם פארלארען. מעהר וועט זי איהם קיינמאל ניט זעהן...

א צעבראכענע, א קראנקע איז זי געבליבען. ווען זי איז אין אוועגט אין איהר צימער געקומען, האט זי זיך אויפ'ן בעט געווארפען און האט געוויינט...

געוואהנט האט סאניע צוזאמען מיט איהרע א חבר'טע לאה. אן עלטערע מיידעל וואס האט דאס לעבען שוין אלזייטיג געקענט. און די סענטימענטאלע יוגענד איז שוין לאנג ביי איהר געווען א זאך פון פארגאנגענהייט.

לאה איז געווען אזעלכע, וועלכע האט איהר פערלאנגען ניט בעהאלטען. האט זי עפעס געוואלט, האט זי עס געזאגט. זי האט אפשר אפט מאל געליטען דאדורך, אנדערע האבען געמיינט, אז זי טוט דאס ווייל איהר פערשטאנד איז ניט נארמאל. א מענש

דארף זיינע ליידענשאפטען בעצווינגען. א פרווי דארף ניט אלץ זאגען וואס איהר הארץ גלוסט...

לאה האט אבער פון דעם ניט געוואלט וויסען, האט זי עפּער געוואלט, האט איהר פרויען־הארץ עפעס באגעהרט, האט זי עס אפען און דרייסט ארויסגעזאגט. איהר איז ניט אנגעגאנגען וואס אנדערע דענקען וועגען איהר...

כאטש איהר פערלאנגען זיינען כמעט שטענדיג געבליבען אהן ערפאלג, אבער דאס האט אויף איהר ניט געווירקט. האט זי נאר געזאגט פריי וואס איהר ווינשע זיינען, איז זי שוין געווען צופריע־דען. האט עס געוויסער־מאסען איהר דורשט געשטילט און כאטש זי איז שוין געווען אן עלטערע, האט זי נאך אויסגעזעהן פריש, געזונד און שעהן.

זעהענדיג סאניא וויינען און ניט וויסענדיג די ריכטיגע אור־זאכע, איז זי צוגעגאנגען צו איהר, זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן בעט נעבען איהר, האט איהר אנגעפאנגען גלעטען, און געפרעגט ביי איהר:

— זאג סאניטשקע, וואס פעהלט דיר, פאר וואס וויינסטו?

סאניא האט ניט געענטפערט, נאר נאך שטארקער אריינגע־גראבען דעם קאפ אין קישען און האסטיגער געוויינט.

לאה האט איהר מיט געוואלט פונ'ם בעט אויפגעהויבען:

— קענסט דאך מיר זאגען וואס דיר איז, דו נאריש מיידעל דו! זייט די לעצטע פאר מאנאטען זעה איך ווי דו ליידעסט. ס'איז פון דיר האלב שוין געבליבען. איך האב דיך שוין פיעל מאל גע־פרעגט, זאלסט מיר זאגען וואס דיר איז, נאר דו ביזט איינגעשפארט ווילסט מיר ניט זאגען... איצט מוזט דו מיר זאגען, פאר וואס וויינסטו? דו וועסט דאך קראנק ווערען...

סאניא, האט אנגעלעהנט איהר בלאנדען קאפ אויף לאה׳ס אקסעל און האלב־שלוכצענדיג האט זי געזאגט:

— איך בין שוין קראנק.

— נו, דארף מען וויינען, האט לאה גלעטענדיג סאניא׳ס קאפ צערטליך גערעדט, — געה נארעלע! אז מען איז קראנק געהט מען צו א דאקטאר. האסט שוין לאנג געדארפט געהן צו א דאקטאר.

— קיין דאקטאר וועט מיר ניט העלפען, מיין קראנקייט ליגט טיעף אין מיין נשמה, זי האט זיך איינגעגראבען אין מיין הארץ און טאטשעט דארט ווי א ווארעם, א דאקטאר קען צו דעם קיין רפואה ניט געבען...

לאה האט פערשטאנען וואס פאר א קראנקהייט דאס איז און האט מיט א שמייכעל צו איהר געזאגט:

— אזוי סאניא, דו ביזט פארליעבט.

סאניא האט איהרע אויגען פארשטעלט.

— נו, וואסזשע שעהמסטו זיך, פערליעבען זיך איז קיין בושה ניט, יעדע פרוי טוט דאס. אבער זאג, ווער איז דאס, וועמען האסטו ליעב?

סאניא האט געפיהלט, אז זי מוז אלץ דערצעהלען, אפשר וועט איהר אויפ׳ן הארצען גרינגער ווערען. זי האט זיך אויסגעווישט די אויגען, האט זיך בארוהיגט א ביסעל און האט מיט א שמייכעל צערטליכען טאן געזאגט:

— דו קענסט איהם לאה, דאס איז באריס, וואס ר׳האט גע־ארבייט ביי אונז אין מאגעזין, אט דער מיט׳ן ברענענדיגען בליק...

— אודאי קען איך איהם, ניט איינמאל מיט איהם גערעדט און פערברענגט. ער איז דאך אוועקגעפאהרען זיך שטעלען צום פריי־זעוו. נו, און ער, האט ער דיך אויך ליעב?

— איך האב איהם ניט געפרעגט, האט סאניע נאאיוו גע־ענטפערט; ער ווייסט אפילו ניט וואס איך פיהל צו איהם, איך האב איהם קיין מאל ניט געזאגט, אז איך האב איהם ליעב...

— כא־כא־כא, האט זיך לאה צולאכט. האסט איהם ניט געזאגט? ווי אזוישע האט ער דאס געקענט וויסען? פארוואס האסטו איהם ניט געזאגט? א מענש דארף אלעס אפען ערקלערען וואס ער פיהלט.

סאניא האט איהר ערשטוינט אנגעקוקט, זי האט ניט פער־שטאנען וואס לאה מיינט און זי האט נאאיוו געפרעגט:

— ווי קען מען דאס אפען זאגען וואס טיעף אין הארצען איז ווי א סוד באהאלטען?

— אזוי זאגען נאר קינדער אין [illegible] מיט באנאלע סענ־טימענטען, האט די עלטערע לאה מיט קאלטען לאגיק געענטפערט.

— פרויען וואס ווילען געליבט ווערען, דארפען דעם נאטירליכען פערלאנג ניט בעהאלטען, דערשטיקט מען א זאך וואס די נאטור פערלאנגט, מוז מען ליידען. די נאטור וויל פון קיין בעהאלטענע סודות ניט וויסען: איבעריגענס, האט בארים שוין זיין הארץ אוועקגעגעבען. ער איז שוין ניט פריי... ער האט שוין איינע, וועלכע ער האט ליעב...

סאניא איז בלאס געווארען, איהר הארץ האט זיך פאר שרעק א ווארף געטון, זי האט ווייענענדיג ארומגענומען איהר עלטערע חבר'טע און האט שלוכצענדיג געזאגט:

— איך האב ניט געוואוסט. וועמען האט ער ליעב? ווער איז די גליקליכע?

— צו זי איז גליקליך, דאס ווייס איך ניט, האט לאה גלייכ־גילטיג געענטפערט; נאר דו קענסט איהר אויך. דאס איז די

מיידעל פון ב... דאַכט זיך חנה'לע הייסט זי, די וואָס איז דאָ גע־
ווען דעם גאַנצן לעצטן זומער.

סאָניאַ האָט געפיהלט ווי אַלץ איז כמעט פאַר איהר אַפגע־
שטאָרבען, די האָפנונג פאַרלאָרען, אַלעס איז מיט א מאָל פער־
שווינדען אין א כאאָס פון מאַכטלאָזיגקייט... באַרים האָט א גע־
ליעבטע, איינע וואָס איהם פריהער באַגעגענט, און ער האָט איהר
זיין האַרץ אַוועקגעשענקט. א קראַנקע, א צובראָכענע איז זי גע־
בליבען... וואָס ווייטער וועט זיין ? האָט זי ניט געוואָלט קלערען...

די גאַנצע נאַכט איז זי מיט'ן פנים אין קישען געלעגן און
האָט געוויינט.

ס'זיינען אַוועק וואָכען, מאָנאַטען, באָרים איז ניט געווען און
סאָניאַ האָט געבענקט, כאָטשע ווייסענדיג אַז זי האָט ניט וואָס צו
האָפען, אַז אַן אַנדערע האָט זיין ליעבע געוואונען, האָט אָבער איהר
יונג האַרץ ניט געוואָלט דענקען וועגען דעם... איבערהויפּט א האַרץ
דענקט ניט, און זי האָט איהם געליעבט מיט דער זעלבער קראַפט,
מיט דערזעלבער איבערגעבענהייט ווי פריהער.

באָרים האָט פון דעם אַלעס ניט געוואוסט, ווייל'ענדיג דעם
ערשטען מאָל אין נ... האָט ער זיך אין דער מייסטערסקיי בעקענט
מיט סאָניאַ. זי איז איהם געווען סימפּאַטיש, און ער האָט שטענ־
דיג מיט איהר פאַרבראַכט, גערעדט מיט איהר וועגען סאָציאַליזם,
וועגען פּרטיי אידעען, אָבער פיהלען עפּעס אַ גאַנץ בעזאָנדערע
פערזענליכע נייגונג צו איהר האָט ער ניט געפיהלט, ווייל זיין גאַנצע
אינערליכע נשמה איז געווען אַנגעפילט מיט חנה'לע. אמת, איהר
פרישע יוגענד, שעהנקייט און נאַאיוויטעט האָבען געמאַכט אויף
איהם א געוויסען איינדרוק, אָבער ניט מער ווי אַלע אַנדערע שעהנע
זאַכען. ער האָט איהר בעוואונדערט ווי פיעלע אַנדערע שעהנע

פרויען: ניט אלע קען מען דאך ליעב האבען. ליעב געהאט האט ער נאר זיין חנה'לע. וואס ביי סאניא'ן אין הארצען קומט פאר. האט ער ניט געוואוסט, ער האט זיך גאר ניט נעגעבען די מיה נאכצודענקען וועגען איהרע בעהאלטענע געפיהלען. זי איז געווען סימפאטיש פאר א חבר'טע, האט ער מיט איהר אפט פערבראכט. ער האט אויך געהאט א צוועק מיט זיין גוט־פריינדשאפט צ ואיהר. באריס איז געווען אזעלכער, וואס האט געוואלט יעדען מיט־מענשען אין זיינע אידעען ענטוויקלען...

אין סאניא'ן האט ער געפונען א נאך ניט ענטוויקעלטע ארבייטער מיידעל, האט ער זי געוואלט לויט זיינע אידעען ערציהען. זי איז געווען א געהארכזאמע, זי האט זיך צו אלעם צוגעהערט וואס ער האט געזאגט, זי האט כמעט געשלונגען יעדעןווארט וואס ער האט געזאגט, האט ער פון דעם הנאה געהאט. אט העלפט ער ענטוויקלען אן ארבייטער מיידעל אויפ'ן וועג פון סאציאליזם.

אבער אז אין הארצען ביי איהר איז בעהאלטען א פייערדיגע ליעבע צו איהם, און אז זי ליידעט דורך איהם, דאס האט ער ניט געוואוסט.

ער האט אפטמאל בעמערקט, אז עפעס א בעהאלטענער שמערץ נאגט שטיל איהר נשמה. ער האט דערקענט, אז עטוואס א קראנקהייט איז אין איהר הארצען בעהאלטען, אבער אז ער איז די אורזאך, האט ער ניט געוואוסט.

זי האט פון איהם א מאל שטיל פערלאנגט, אז אין די פרייע אוונטען, זאל ער קומען אין איהר וואהנונג. ער האט מיט פערגעניגען איהר פערלאנג געטון. ער איז אפט געווען אין איהר צימער און האט אפט פערברכט מיט איהר און מיט לאה, גערעדט פון דער בעוועגונג, פון דעם שווערען רוסישען יאך, און פונ'ם סאציליזם.

פיעלע אינטערעסאנטע אווענדען מיט זיי פערבראכט, און ער האט גאר ניט געוואוסט פון איהער געפיהלען צו איהם.

זי אבער האט שטיל געליטען און ווען ער איז אוועקגעפאהרען צום פריזעוו איז זי געבליבען אן עלענדע, א קראנקע און א צו־בראכענע.

2

ווען באריס איז צוריקגעקומען קיין נ... האט ער יעדען גע־זאגט, אז ער איז אינגאנצען בעפרייט פון מיליטער־דיענסט. ער איז באלד געגאנגען צו זיינע פריינד, סאניא און לאה, זיי האט ער דערצעהלט דעם גאנצען אמת ווי אזוי ער האט זיך בעפרייט.

דערזעהענדיג איהם, האט סאניא גאר ניט געוואוסט וואס זי זאל טון... פאר פרייד זיינען איהר אזש די טרערען געגאנגען פון די אויגען.

אט אזוי באריס, האט זי הארציג ארויסגעזאגט, — איהר זייט ווידער דא, ווער איהר דאך ווידער ארבייטען אין דער זעלבער מייס־טערסקיי, א! ווי גוט! ווי גוט! איהר ווייסט באריס, האט זי ווייטער גערעדט מיט א אונשולדיגען שמייכעל, — אלע ארבייטער בענקען אין אייך, איהר האט זיי אלעמען פרעהליך געמאכט. אבער זייט איהר זיינט אוועקגעפאהרען, איז דארט געווען טרויריג... און אט זיינט איהר ווידער דא.

— האט איהר אויך געבענקט אין מיר? האט באריס גאנץ אונשולדיג געפרעגט, ניט וויסענדיג וואס פאר א שמערץ ער באריהרט.

סאניא האט ארונטערגעלאזט די אויגען און האט ניט געענט־פערט. איהר צעוועהטאגט הארץ איז פערשניטען געווארען.

סאניא

פאר וואס ענטפערט איהר ניט סאניא? האט באריס גע־פרעגט אזוי אונשולדיג ווי פריהער.

סאניא האט געזעהן, אז מעהר קען זי זיך שוין ניט איינהאל־טען, אז זי וועט זיך מוזען צעוויינען, איז זי שנעל ארויסגעלאפען פון צימער און קוים האט זי די טיהר פערמאכט, האט זי זיך צוא־וויינט ווי א קינד.

באריס האט ניט געוואוסט וואס דאס בעדייט, ער איז גע־בליבען שטעהן מיט אפענע אויגען, געקוקט אויף די טהיר ווי סאניא איז ארויסגעגאנגען, האט זיך איינגעהערט א ווײלע אין דעם צעבראכענעם שלוכצען פון זיין יונגע חבר׳טע, דערנאך האט ער זיך געווענדעט צו לאה און האט געפרעגט:

— זאגט נאר לאה, קענט איהר מיר אפשר זאגען, פאר וואס סאניא האט זיך צעוויינט?

— זיכער קען איך אייך זאגען. זי איז קראנק. זי שפייט שוין מיט בלוט...

באריס האט זיך דערשראקען:

— וואס איז, וואס איז געשעהן? פארוואס איז זי אזוי פלוצלינג קראנק געווארען?

— דורך אייך באריס! האט לאה שטיל און שארף געענט־פערט

— דורך מיר? פארוואס עפעס דורך מיר? האט באריס ערשטוינט געפרעגט.

— ווייל זי האט אייך ליעב.

— ווייסט זי דען ניט, אז איך האב שוין א... באריס האט ניט געקענט ענדיגען.

יא, זי ווייסט, איך האב איהר געזאגט, וואס קען עס העלפען,

אז זי האט אייך אזוי שטארק ליעב. באלד פונ'ם ערשטען מאל זעהן אייך, האט זי זיך פארליעבט אין אייך...

אבער איך בין דאך נית שולדיג, איך האב דאך איהר נית געגעבען אזעלכע אורזאכען אז זי זאל זיך פארליעבען אין מיר... האט בארים זיך פארענטפערט

ווער זאגט דען, אז איהר זייט שולדיג? האט לאה ווייטער געזאגט, — אבער דאס מאכט דאך נית די זאך אנדערש.

בארים איז א פאר מאל ארומגעגאנגען איבער'ן צימער אזוי ווי משוגע, ער האט זיך פלוצלינג אוועקגעשטעלט קעגען לאה און געפרעגט:

— זאגט, לאה, איהר זייט דאך א קלוגע, וואס זאל איך טון?

איהר דארפט גארנית טון, לאזט עס אזוי ווי עס איז! האט לאה קאלט געענטפערט.

— זי ליידעט דאך אבער...

— זאל זי קיין נאר נית זיין, וועט זי נית ליידען!

— זי איז דאך אבער קראנק...

— וועט איהר דער דאקטאר אויסקורירען און זי וועט גע־זונד ווערען!

— א, ווי קאלט איהר רעדט דאס, אזוי ווי עס זאל אייך גאר נית באריהרען יענעמס ליידען.

— און אז עס וועט מיך בריהרען, וועל איך איהר העלפען? אז אייך בעריהרט יא, קענט איהר דען איהר העלפען?

בארים איז א ווײלע געבליבען שטיל, ער האט געפיהלט, אז לאה האט רעכט.

אין א ווײלע ארום האט ער ווידער געפרעגט:

— נעהמט זי צו א דאקטאר?

— יא, זי נעהמ !

— און וואס זאגט ער ?

— ער זאגט דאסזעלבע וואס אלע דאקטוירים, ער וועט איהר מסתמא אויסקורירען, זי וועט געזונד ווערען. יונגע מענשען קענען אלעס אריבערטראגען. ס'וועט פאריבער געהן און זי וועט פארגעסען...

ס'האט זיך געהערט טריט הינטער די טיהר, זיי זיינען אנשווייגען געווארען.

סאניא איז צוריק אריינגעקומען, זי האט פערשטאנען, אז באריס ווייסט שוין אלץ, אז לאה האט אלץ דערצעהלט און זי האט אויסגעמידען צ וקוקען אויף איהם.

באריס האט זיך געזעגענט מיט זיי און נעהמענדיג סאניא'ס האנט האט ער איהר הארציג געדריקט.

סאניא האט געשמייכעלט.

באריס איז אוועקגעגאנגען, זאגענדיג, אז מארגען וועט ער קומען צו דער ארבייט.

באריס האט זיך געזעהן א צימער און האט זיך באלד געלעגט אויסרוהען.

ער האט אבער א לאנגע צייט ניט געקענט איינשלאפען. ער האט געטראכט וועגען דער יונגער סאניא.

וואס פאר א מין מאדנע נאטור איז דאס דא אין איהם ? מענשען ליידען דורך איהם. אט האט זיך אין ב. די בונדיסטקע אין איהם פארליעבט און זי איז קראנק געווארען. איצט ווידער סאניא... אויף איהר האט ער אמת'דיג רחמנות. זי איז נאך אזא יונגענקע, אזא אמת גוטע נשמה, אזא ארענטליכע... אבער וואס קען ער העלפען ? זאל ער מעהר זיך מיט איהר ניט באגע-

גענעז? ער וועט זיך ארויסזוכען אן אנדערען פלאץ צום ארבייטען. ער וועט איהר ניט זעהן, וועט זי פארגעסען... אבער דאס איז ניט ריכטיג, האט ער ווייטער געטראכט. מיט אמאל אפהאקען קען עס האבען א שרעקליכע ווירקונג אויף איהר קראנק הארץ... ס'קען נאך אן אונגליק געשעהן... נייז, דאס טאר ער ניט טאן... ער קען ווייטער מיט איהר פארברענגען ווי פריהער, קומען צו איהר אין צימער, ריידען מיט איהר פון אידעאלען, לערנען איהר פארשטעהן דאס לעבען און ווירקען אויף איהר אז איהר ליעבע צו איהם זאל זיך אין אמת'ער פריינדשאפט פערוואנדלען..

מיט דעם בעשלוס איז ער רוהיג איינגעשלאפען.

3

ווען בארים איז דעם צווייטען טאג געקומען אין מאגאזין צו דער ארבייט, האט איהם דער מיינסטער זעהר גוט אויפגענומען און די ארבייטער האבען זיך אויסערגעווענליך געפרייט מיט איהם. זיי האבען איהם אמת ליעב געהאט.

סאניע איז געזעסען אויף איהר פלאץ און איז געווען צופריע־דען ייאס די אלע ארבייטער האבען זיך אזוי געפרייט מיט בארים'ן... שטיל און פער'גנב'עט האט זי איהרע בליקען געווארפען אויף איהם, ער איז אזא פרעהליכער, אזא גוטער, און אלע, אלע מוזען איהם ליעב האבען...

כאטש זי האט שוין געוואוסט, אז ער האט אן אנדערע, אז זיין הארץ געהערט צו אן אנדער מיידעל, אבער ליעב האבען מעג זי איהם דאך. דאס קען דאך איהר קיינער ניט שטערען... און זי האט איהם שטיל און טיעף געליעבט, שטיל און טיעף זיך צוגע־הערט צו זיין יעדען אטהעמצוג... געפיהלט יעדען קלאפ פון זיין

הארץ, יעדע בעוועגונג פון זיין נשמה... דאָס האָט געוויסער־מאָסען געשטילט איהר באַגעהר און צופריעדען געמאַכט איהר טיעפע בענקעניש...

וויסענדיג פון איהר טיעפע ליעבע צו איהם, האָט באַרים שטענדיג זיין פולע אויפמערקזאַמקייט איהר געשאָנקען, יעדען פרייען אָווענד האָט ער מיט סאַניע פערבראַכט, איהר געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז ער ווייסט ווי ליעב זי האָט איהם, אַז ער שעצט די שטילע צוגעבונדקייט פון איהר יונגער נשמה, און צו דער זעלבער צייט איהר געלערנט איינגעהאַלטענקייט, אידעאַלע איבערגעבענהייט און ענטזאַגונג.

זי האָט איהם פערשטאַנען, זי האָט געוואוסט, אַז אַ מענש קען זיין הארץ אין צווייען ניט צוטיילען, אַז אַזאַ מענש ווי באַרים ליעבט אויפריכטיג, ער וועט זיין געליעבטע ניט איבערלאָזען... געוואוסט האָט זי, אַז ער איז גליקליך מיט זיין ליעבע צו יענער... און מיט דעם אַליין איז זי צופריעדען געווען: אָט ווייסט באַרים ווי האַרציג זי האָט איהם ליעב... דאָס איז גענוג פאַר איהר... זי האָט מעהר ניט געוואָלט און בּיסלעכווייז האָט זיך סאַני'ס הארץ בערוהיגט... זי האָט געוויסט, אַז באַרים איז איהר אמת'ער פריינד, דאָס איז געווען גענוג פאַר איהר...

ניט קענענדיג זיין אין נ... אויף זיין פריריגען פּאָס, ווייל מען האָט איהם דאָך געזוכט פאַר אנטלויפען פון פּאָלק, האָט באַרים איינגעזעהן, אַז ער מוז זיך זעהן אַן אַנדערען פּאַס, אָבער ניט אַזעלכען ווי די פריהעריגע, נאָר אַן אמת'ען לעגאַלען רעגירונגס פּאַס.

געוואוסט האָט באַרים, אַז דאָס דאַרף געלד קאָסטען, אָבער ער איז געווען צופריעדען אַבי ער זאָל נאָר אַזאַ פּאַס קענען קריגען. ער האָט זיך באַקענט מיט אַ סטאַראָסטווע, געגעבען איהם געלד און

יענער האָט איהם צוגעזאָגט, אז די פּאַפּירען וועלען באַלד זיין פאַר־טיג. . . . . . .

וואַרטענדיג אויף די פּאַפּירען, האָט באָרים ניט געקענט אריין אין דער אָרגאַניזאַציע, די אונגעדולדיגקייט פון וואַרטען און אויך דאָס בענקען אין זיין חנה'לע, האָבען איהם צוריקגעהאַלטען פון אָר־גאַניזאַציאָנס ארבייט... דערנאָך האָט ער ערפאַהרען אז דער סטאַ־רעסטווא האָט איהם אפּגענאַרט, ער שלעפּט אָפּ פון וואָך צו וואָך און ער האַלט איהם נאָר אין איין פערשפּראַכען, דענקענדיג אז דאָס וועט ניט קומען צו קיין טאַלק, האָט ער אָבגענומען דאָס געלד ביי דעם סטאַרעסטווע, און האָט אנגעפאַנגען זוכען אַן אנדערען, וועלכער וועט איהם באַלד מאַכען די פּאַפּירען. אזעלכען האָט ער טאַקע באַלד געקרוגען און דער צווייטער האָט איהם שוין אויף זיכער צוגעזאָגט די פּאַפּירען באַלד צו מאַכען. אָבנאַרען וועט ער זיך שוין ניט לאָזען.

ס'איז אוועק אייניגע וואָכען, באָרים'ען האָט זיך גאַנץ גוט געלעבט. דעם פּאַס, האָט ער געוואוסט וועט ער באַלד האָבען, חנה'לע שרייבט איהם פון צייט צו צייט גאַנץ צופריעדענע בריעף. די בלויז בריעף אָבער, האָבען זיין בענקעניש ניט געקענט שטילען. באָרים האָט שטאַרק געבענקט אין זיין געליעבטע חנה'לע, ער האָט נאָר שטענדיג געדענקט ווען ער וועט שוין קענען איהר האָבען ביי זיך...

מיט סאָניא האָט ער פאַרבראַכט גאַנץ אינטערעסאַנטע אָווענ־דען, ער איז אַלע מאָל געגאַנגען צו איהר... ער האָט געזעהן אז זי ליידעט, האָט ער געוואָלט איהרע ליידען גרינגער מאַכען, אָבער איהם איז ניט גרינגער געוואָרען, וויסענדיג ווי ווייט חנה'לע איז פון איהם...

אין אַ שטילען בעהאַלטענעם זומערדיגען אָווענט, ווען סודות'דיג בויגען זיך די גרעזעלעך איינס צום צווייטען ; האָט זיך די שאָטענ־

דיגע נאַכט אין סאַניאַ'ס צימערל אריינגעגנב'עט, פאַרשטעלט אַלע ליכטיגע ווינקעלעך פון'ם מיידלישען צימער און האָט זיך געהיימניס־פול אויף די ווענט צוגאַסען.

סאַניא איז פון גאַס געקומען, אַ בעטריבטע, אַ נידערגעשלאַגענע, לאה איז אין דער היים ניט געווען, סאַניא איז צופריעדען געווען, אליין האָט זי איצט געוואָלט זיין, אליין מיט זיך... נאָכדענקען אַלץ וואָס ביי איהר אין הארצען קומט פאָר, וויסען צו זי איז שוין שטאַרק גענוג די אונגעהייערע ליעבע צו באָריס'ען, אין פריינדשאַפט צו פער־וואַנדלען...

זי האָט קיין ליכט ניט אָנגעצינדען, אין דער שטילער טונקעל־הייט האָט זי זיך איופ'ן בעט געוואָרפען און מיט אָפענע אויגען האָט זי אָנגעפאַנגען קלערען:

קען אַזאַ הייסע ליעבע, אין קאַלטע פריינדשאַפט פערוואַנדעלט ווערען?... איהר געוויסען, איהר פערנונפט האָט יאָ געענטפערט, אָבער איהר הארץ, איהר סענטימענטאַלע נשמה, האָט געפיהלט נ י י ן, טויזענד מאָל ניין האָט איהר הארץ געקלאַפּט...

אַ פאַנטאַסטישער ווילען האָט איהר גאַנצען קערפּער ארומגע־נומען, זי האָט דאָך איהם קיינמאָל ניט געזאָגט, ווי שטאַרק איהר ליעבע איז צו איהם... און דאָך... דאָך.. ווי אַ מלאך איז ער געשטאַ־נען פאַר איהר... נעבען בעט. דורך די נאַכט שאָטענס האָט זי דער־קענט זיינע גוטע אויגען, ווי ער קוקט אויף איהר אַזוי ליעבליך, אַזוי פול מיט הארציגקייט... אָט זעצט ער זיך נעבען איהר אויפ'ן בעט, גלעט איהרע האָר... צערטעלט איהרע באַקען... זי שטרעקט אויס איהרע אָרעמס, נעהמט ארום זיין האַלז... און קושט איהם, קושט איהם אָהן אויפהער... און זי איז אַזוי גליקליך! גליקליך!

זי האָט זיך פּלוצלינג דערשראָקען. זי איז פון איהר דמיון ער־

וואכט. אין צימער איז קיינער ניטא נאר זי אליין. אט ליגט זי איינע אליין און חלום'ט מיט אפענע אויגען... א מין זאנדערבארע ליידענשאפט האט איהר אנגענומען... זי האט אויפגעריסען איהר בלוזקע, געגומען איהרע ביידע נאקעטע ברוסטען און געדריקט שטארק, שטארק איינע צו די אנדערע, ביז זי האט אויסגעשריגען פון וועהטאג... איהר גאנצער קערפער האט געציטערט פאר ליידענשאפט. אין קאפ האט איהר אנגעפאנגען ברענען. דאס הארץ האט שטורמיש געקלאפט. איהרע הייסע ליפען האבען שעפטשענדיג געמורמעלט: באריס... באריס... זי האט זיך צום קישען צוגעדריקט און האט אנגעפאנגען שמערצליך צו שלוכצען...

ווען לאה איז אהיים געקומען האט זי איהר נאך געטראפען אזוי ליגענדיג און שלוכצען. זי האט א ליכט אנגעצונדען, אבער סאניא האט מיט א שלוכצענדע שטימע איהר געבעטען:

— ניין, לאה'ענקע! מאך ניט ליכטיג! אזוי איז בעסער... דאס ליכט וועט מיין שמערץ נאך גרעסער מאכען...

לאה האט איהר געפאלגט. אין דער טונקעלהייט איז זי צו־געגאנגען צו איהר, האט זיך אוועקגעלעגט נעבען איהר. סאניא האט איינגעגראבען איהר קאפ אין לאה'ס הארץ און האט זיך נאך שטארקער צעוויינט...

לאה האט זי צוגעדריקט צו זיך, געבעטען איהר, זי זאל זיך בערוהיגען און ווי א צערטליכע מאמע האט זי צו איהר גערעדט:

— סאניא, סאניטשקע! דו דארפסט דאך ניט זיין אזוי פער־צווייפעלט! איז'ם לעבען האט יעדער ענטטוישונגען. דו מוזט דאך וויסען, אז באריס האט אן אנדערער זיין ליעבע אוועקגע־שענקט... אבער א פריינד איז ער דאך דיינער, איז דאס ניט גענוג פאר דיר?

— ניין, ניין, לאה! ס'איז ניט גענוג! האט סאניא שלוכצענ־דיג געענטפערט. — איך האב אויך אזוי געמיינט... אבער איך קען ניט! איך קען ניט... איך בין ניט גענוג שטארק! און איך וויל ניט בלויז פריינדשאפט! איך וויל איהם ליעב האבען!... ליעב האבען ביז איך וועל אויסגעהן פאר ליעבע...

דו ביזט א נארעלע, האט לאה צערטלענדיג איהר געזאגט. די מענשליכע נאטור מוז זיין אזעלכע מען זאל קענען בויגען דעם סענטימענטאלען ווילען פון'ם מענשליכען בעגריף... איך האב עס פיעל מאל געטאן און איך האב טאקע ניט געליטען... דו ביזט נאך יונג. דיינע סענטימענטען זיינען נאך שטארקער ווי דיין פערנונפט. דו וואלסט וועלען א זאך, וואס דאס לעבען האט אנדערש אויסגע־שטאלטעט פון דיין וואונש. קיינער איז ניט שולדיג אין דעם... ענדערען קען מען נאר עטוואס, וואס מענשען אליין האבען פער־פאסט, אבער א זאך וואס די נאטור האט פון דער אייביגקייט אין די מענשליכע הערצער פערפלאנצט, קען דער מענשליכער ווילען ניט ענדערען; איך וויל דו זאלסט מיך פערשטעהן סאניטשקע, האט לאה פארטגעזעצט; דער צופאל האט געפיהרט אז באריס זאל פריהער יענע דערזעהן. די נאטור האט זיך געטון איהרס און האט אין זיין הארצען די ליעבע צו י ע נ ע ר צופלאקערט. מעגליך ניט אויף אייביג... ס'קען זיין ווען ער וואלט ד י ך פריהער גע־זעהן, וואלט ער זיין ליעבע דיר אוועקגעשענקט. איז עס אבער אנ־דערש געווען. ענדערען קען מען די זאך ניט. דו מוזט דיך בערוהי־גען, סאניטשקע, דו מוזט פערשטעהן די ווירקליכקייט און בעגניגען זיך מיט זיין פריינשאפט...

סאניא האט זיך צו אלץ שטיל צוגעהערט, אין הארצען האט זי געפיהלט, אז לאה האט רעכט, אז אלץ וואס זי זאגט איז אמת.

אבער איהר צארטע נשמה האט פון קאלטער פערנונפט ניט געוואלט וויסען, טיעף איז איהר ליעב צו איהם, אזוי שנעל קען מען דאס אין פריינדשאפט ניט פערוואנדלען...

די גאנצע נאכט איז זי ניט געשלאפען.

דעם צווייטען טאג ווען זי איז צו דער ארבייט געקומען, האט זי אויסגעזעהן בלאס, אויסגעמאטערט און קראנק. באריס האט די ענדערונג אויף איהר באמערקט, ער האט געזעהן, אז ס'איז שווער צו ארבייטער נאך מעהר, פאר איהם. זי האט אבער ניט אויסגעהאלטען זי זאל אהיים געהן, זי האט שטיל געענטפערט, אז ס'איז איהר גאר ניט און איז ווייטער געבליבען זיצען. זי האט זיך געוואלט שטארקען, ניט געוואלט ארויסווייזען איהר שוואכקייט פאר די ארבייטער נאך מעהר פאר איהר. זי האט אבער ניט אויסגעהאלטען און איז צוזאמענגעבראכען... אלע האבען זיך דערשראקען. מען האט זי אפגעמינטערט און זי איז אהיים געגאנגען...

דאס בעוואוסטזיין, אז סאניא ליידעט דורך איהם, האט באריס'ען שמערצען פערשאפט. אמת, ער איז ניט שולדיג, אבער דאך איז ער די אורזאכע פון איהרע ליידען.

איז ווען זי איז אהיים געגאנגען א שוואכע, האט ער געפיהלט, אז ער דארף איהר העלפען, זי איז דאך אזוי עלענד... אזא צארט פיהלענדע נשמה קען דאך אין אזא איינזאמקייט אויסגעהן. אט איז זי אוועק אין איהר צימער און וועט דארטען אליין פון שמערץ אויסגעהן... ער מוז אהין געהן, איהר טרייסטען, איהר געבען צו פערשטעהן, אז זי טאר ניט אזוי פיעל ליידען... זי זאל אויפהערען צו דענקען, ווענגען זאכען וואס קענען ניט מעגליך זיין... האט ער אבער ניט געקענט די ארבייט אוועקלעגען. די אנדערע ארבייטער וועלען עפעס פערדעכטיגען... דאס האט ער ניט געוואלט; ער האט

קוים דערוואַרט זיך ביז דער מיטאָג שעה און איז גלייך געגאַנגען צו איהר.

קומענדיג אהין, האט ער איהר געטראָפען ליגען אין בעט אין די קליידער איינגעצויגען אין דרייען און זי האט געוויינט.

פיהלענדיג אַז ער איז ביי איהר אין צימער, האט זיך סאניא שנעל אויפגעהויבען, געאָרדעט זיך אַ ביסעל די האָר און זיי האָבען זיך ביים טיש אַוועקגעזעצט.

באריס האט געפּרואווט איהר צו קוקען אין די אויגען אָבער סאניא, האט נאַאיוו שעמעוודיג אַוועק־געדרעהט איהר קאָפּ און האט ניט געוואָלט קוקען צו איהם.

— וואָס איז אייך, סאניא ? האט באריס געלאָסען און צערט־ליך געפרעגט.

סאניא האט ניט געענטפערט נאָר שטיל אין זיך געשלוכצט.

באריס האט זיך אַ ווײלע פערטראַכט — אַזאַ שטילע, צערט־ליכע נשמה און זי ליידעט אַזוי פיעל... אַלץ צוליעב מיר..

זיין האַרץ איז מיט אַ וואַרעמען מיטגעפיהל פערגאָסען גע־וואָרען ער האט זיך אויפגעהויבען און צוגעהענדיג צו איהר האט ער איהרע ביידע הענט גענומען אין זיינע און מיט אַן אמת פריינד־ליכען טאָן האט ער געזאָגט :

— הערט, סאניא, איך פאַרשטעה אייערע ליידען, איך וויים אויך פון וואָס איהר ליידעט. איך בעדויער זעהר, פאַרוואָס איך האָב אייך באַלד אין אָנפאַנגס ניט פערשטאַנען, איך וואָלט אייך געווען געקענט באַרוהיגען... אָבער...

סאניא האט זיך יומערליך צואוויינט...

באריס האט איהר באַלד בערוהיגט און ניט ארויסלאָזענדיג איהרע הענד פון זיינע, האט ער ווייטער גערעדט :

סאניא, הערט מיך אויס און פערשטעהט מיך. דאס לעבען איז אזוי קאמפּלעצירט, אז קיין זאך קען דעם איינצעלנעם ניט צופריעדען שטעלען. אז איינצעלנער קען א מאל מיינען און ער האט אויך א רעכט צו מיינען, ווען זיין באגעהר קומט ניט אין ער־פילונג, אז אט איז ער דער אומגליקליכסטער, דער בעדויערנס־ווערטסטער. ס'איז אבער ניט אזוי, ליעבע סאניא. דאס גאנצע לעבען צוזאמען, איז א פעראייניגטעס, א גאנצעס. איז אפשר איינער ניט צופריעדען וואס איז אנדערש ווי ער האט געוואלט, עס פערשאפט איהם שמערצען, ער ליידעט... איז אבער דא איז דעם זעלבען לעבען, אזעלכע וואס זיינען אין דעם זעלבען פאל יא צופריעדען. די ליידען און פריידען זיינען ערשיינונגען פאר דער גאנצער מענשהייט. איין איינצעלנער האט אפשר קיין רעכט ניט, פאר זיך איינס אדער דאס אנדערע צו בעהאלטען... מען קען די ליעבע און פריינדשאפט פערוואנדלען און מען איז גליקליך... איהר זייט נאך יונג סאניא! איהר האט פאר זיך א גאנץ לעבען. נו, האט איהר אנגעטראפען אויף א הינדערניס, ליידעט איהר... איהר דארפט דאך דאס ניט נעהמען אזוי שווער. זייט שטארק, געהט צו א דאקטאר און ווערט פאלקאם געזונד. ווארפט אוועק אייערע ליידען, איהר וועט זעהן סאניא, אז איהר וועט גליקליך זיין.

סאניא האט זיך צו אלץ איינגעהערט און האט בערוהיגט און בעשטימט געענטפערט:

איך וועל עס טון, מיין פריינד!

זאגענדיג דאס ווארט „מיין פריינד" האט זי געפיהלט, אז עטוואס נייעס איז ביי איהר אין הארצען געבוירען געווארען און אז די ליידען איהרע וועלען אויפהערען

אזוי איז טאקע געווען, זי האט אנגעפאנגען צו ווערען לעבע־

דיגער דרייסט און אפען האט זי שוין באריס'ען געקוקט אין די אויגען, זי האט שוין מיט איהם פיעל גערעדט, ניט געשעהמט זיך מעהר.

באריס האט דאס אלץ צוגעזעהן און האט גרויס פארגעניגען געהאט. ער האט געוואוסט, אז זי ליידעט ווייל זי קען ניט זאגען דאס וואס איהר הארץ פיהלט. נו, האט ער איהר ארויסגעהאלפען. זי איז געווארען אנדערש. האט זיך אנגעהויבען מיט אלץ אינטע־רעסירען אין באריסנ'ס לעבען. זי האט איהם אלע מאל געפרעגט וועגען זיין געליעבטע, ווי אזוי ער דענקט אין דער צוקונפט זיך איינצוארדנען. ער האט איהר אלץ דערצעהלט און זי איז געווען גליקליך...

פון דעמזעלבן פערפאסער גערהט באלד צום דרוק, א זעהר אינטערעסאנטער גרויסער ראמאן אין פיער טייל מיט'ן נאמען „צעבראכענע וועלטען".

דער שרייבער פון דעם פאר אייך ליגענדען ביכעל: „נשמה־טרעהרען", הערר יצחק פאדאראסקי, איז דערווייל נאך אומבעקאנט אין דער ליטעראַרישער וועלט, אבער זיין ערפאהרונג אין לעבען האט איהם אזוי פיעל געלערענט און זיין טאלאנט, יעדער זאך אין בילדער אויפצוכאפען, גיט איהם זיכער דאס רעכט אריינגערעכענט צו ווערען אין דער משפחה פון די שרייבער.

הער פאדאראסקי איז איינער פון די, וועלכע פארשטעהן דאס לעבען מיט יעדער קנייטשעלע און וויסען עס איבערצוגעבען יענעם מיט יעדען פסיכאלאגישען מאמענט און נאך זיין גרויסע ערפאה־רונג וואס ער אליין האט אין'ם לעבען דורכגעמאכט, איז זיכער אינטערעסאנט אלץ וואס ער דערצעהלט אונז.

דער ראמאן „צעבראכענע וועלטען" איז ניט פון די ראמאנען, וועלכע פערפלאנטערען א מעשה מיט אינטריגעס און ליבע, און גלאט אזעלכע ניט געשטויגענע פאנטאזיען וועלכע קומען נאר פאר ביים שרייבער אין קאפ, אבער אין דער ווירקליכקייט קומען אין לעבען אזעלכעס ניט פאר.

דער פערפאסער פון ראמאן „צעבראכענע וועלטען" האט פשוט גענומען שטיקער פון זיין אייגענעם לעבען, פון'ם לעבען פון די ארומיגע, פשוטע ניט די הויכע אינטעליגענץ, נאר די איינפאכע ארבייטער, מענשען פון אלע טאג זיינען זיינע העלדען און זיינע

יצחק פאדאראסקי

שילדערונגען זיינען אמת, פסיכאלאגיש און אינטערעסאנט. יעדער וועלכער וועט לייענען דעם ראמאן „צעבראכענע וועלטען" וועט זיך פאר איהם אנטפלעקען א נייע אינטערעסאנטע וועלט פון'ם אמת'דיגען ארבייטער לעבען.

ש. ע.

דער ראמאן וועט האבען פאלגענדע קאפיטלען:

1. מארקס יוגענד.
2. מארק אין דער פרעמד.
3. זיין דערוואכונג.
4. מארק און סאציאליזם.
5. מארק אין ווארשא.
6. צוויי מיידעלעך.
7. ערשטע ליידענשאפטען.
8. זיין טעטיגקייט אלס סאציאליסט.
9. זיין ערשטער ארעסט.
10. אין טורמע.
11. מיט'ן עטאפ.
12. מאקסים.
13. די ערשטע ליבעס געפיהלען.
14. פארליעבט.
15. חנה'לע.
16. דער שטרייק.
17. קראנקע נשמות.
17. מאקסים פארלאזט מינסק.
19. א נייער לעבען.
20. חנה'לע קומט.
21. סאניא.
22. א ליידענדע נשמה.

23. ליעבע און פריינדשאפט.
24. סעמיאן.
25. שפיאנען.
26. אויף דער דאטשע.
27. דער קאנפערענץ.
28. צוריק אין שטאדט.
29. אן אייגענע דרוקעריי.
30. חנה'לע פאהרט קיין ווארשא.
31. א טעות פון שפיאנען.
32. דער קאמפף פון ליבע און פליכט.
33. צווייטער ארעסט.
34. צוריק טעטיג.
35. דער דריטער ארעסט.
36. חנה'לע האט זיך צעוויינט.
37. אויף'ן וועג קיין סיביר.
38. א זומער נאכט אונטער'ן סיבירער הימעל.
39. ערשטער מאל לויפען.
40. אין דער טייגא.
41. חנה'לעס ליידען.
42. אין פיש פערוואנדעלט.
43. אליין אין פעלד פון שניי.
44. אין א ווירוואר פון שרעק און פרייד.
45. אין גראדנע.
46. אוועק פון רוסלאנד.
47. אין פאריז.
48. די ווירקונג פון פאריזער לעבען.
49. צווייטע ליבע.
50. אויף'ן זעקסטען שטאק.

55. דו גיסט מיר גאָר נישט.

54. איך בין ניט דיין פּראָסטיטוטקע.

53. דער רייכער פּראַנט.

52. א לעבען מיט צוויי פרויען.

51. דערמינטערט.

56. חנה׳לעס אייפערזוכט.

57. ליבע און לוסט.

58. אסתר פארלאנגט מעהר ליבע.

59. אסתר׳ס גליק מיט איהם אליין.

60. אסתר פארשטויסט ניט הערמאן׳ס ליבע.

61. דער פארק מאנסא.

62. א רייזע נאָך שווייצאריער בערג.

63. א נאכט ביים פענסטער.

64. הערמאן וויים ניט פון קיין חכמות.

65. צוריקגעשיקטע די פאָטאָגראַפיע.

66. געליבט אויף שפאס.

67. באוויינט דעם שפאס.

68. דער קריזיס.

69. א חתונה צוליעב אורזאכען.

70. געוואָרען א בעל־הבית׳טע.

71. שוואנגער פון איהר מאן.

72. יאקוב וויל פעראייניגען צוויי פרויען אין איין נשמה.

73. די דאטשניקעס.

74. א טראגעדיע.

75. האָב ליעב מיין מאן.

76. טראגישער מאָמענט.

77. איך, אָדער זי!

78. צווייטער שוואנגערען.

79. פארשטויסען.
80. די תאוה צו א געליעבטע ווען זי שוואנגערט.
81. דאס גליק פון גע׳גנב׳טער ליבע.
82. פארצווייפלונג.
83. ליבע, האס און נקמה.
85. שלום.
86. פאלשקייט, אינטריגעס און אייפערזוכט.
87. גלייכגילטיגקייט.
88. אסתר׳ס קינד.
89. אסתר שיקט בריוולעך, ער זאל קומען.
90. האב ליב מיין קינד.
91. די בלוטיגע נאכט.
92. אסתר׳ס בריף.
93. אלקעהאל פארטרייבט זעלבסטמארד געדאנקען.
94. חנה׳לע וויל אנטלויפען.
95. גרענצלאזע ליבע צוביידע.
96. פרעכהייט ברענגט גלייכגילטיגקייט.
97. די יונגע מוטער.
98. יאקוב פארלאזט ביידע.

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE PUBLIQUE JUIVE
MONTREAL